# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 243 פרשת חיי שרה · תשפ"ה


# פרשת השידוכים!

## איז דא א מאנגל אין שידוכים?

הערט ווערטער וואס דער ראש ישיבה זאגט איבער די ברענעדיגע נושא פון די היינטיגע שידוכים קריזיס. **11**

**שפעקולאציעס:**
צען שטארקע זאכן!

**היכל הקודש נייעס:**
נייע ניגון פון יוסי גרין
אויפן סדר דרך הלימוד

**וועלטליכע נייעס:**
נייע דעפארטמענט
אף גאווערמענט עפישינסי

**קוק אהער:**
מיין באזוך אין טורמע

פרשת חיי שרה תשפ"ה • 243

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול


צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייננצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069




ברסלב'ע מצה בעקעריי 6



נייע "סדר דרך הלימוד" ניגון 8


א ווייסע געשטאלט ביים ציון 36

4 בריוו צום רעדאקציע
12 וועלטליכע נייעס
16 געדאנקען
19 היכל הלכה


**זמנים**
חיי שרה כ"ב חשון

הדלקת הנרות.. 04:14
מוצאי שבת...... 05:43

**מנחה מעריב**
פרשת תולדות
05:25









בס"ד

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק




גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**
**קרית ברסלב בלעטל**
**גליון היכל הקודש**
**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

IDEA. 8457769664

# בריוו צו די רעדאקציע

## דאנק בריוו פאר די עוסקים במלאכת הקודש אין אומאן.

לכבוד י. נ. ג.

א גרויסן יישר כח פארן זיך אזוי שיין באדאנקען פאר די שיינע ראש השנה וואס איר האט מיט געהאלטן אינעם בנין פונעם ראש ישיבה.

עס איז אויך נישט צו שפעט פאר אונז זיך צו באדאנקען פאר די אלע וואס האבן צוגעהאלפן אז דער יום טוב, שבת, און פארדעם זאל זיין מיט אזא סוקסעס.

יישר כח אייבערשטער פארן אונז געבן הצלחה צו פירן אזא פראיעקט! יישר כח ראש ישיבה פארן שטיין אינטער אלעס, עס זאל זיך פירן סיי בגשמיות און סיי ברוחניות צו גלייכן מיט די גרעסטע מאס באקוועמליכקייט, אויסגעהאלטן להלכה (הלכות שבת אין קאך, אויסגעהאלטענע הכשרים, מקוה ועוד ועוד).

א גרויסן יישר כח פאר ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו מיט ר' אברהם אלי' פרידריך פארן זיך אפגעבן אין די פליישיגע קאך, די עסן איז געווען מלא טעם ברוך השם, און בעיקר די באנעמונג (עטיטוד).

ווען איינער דארף עפעס, אדער וויל זאגן עפעס א קאמענט, שטעלן זיי עס צו, און הערן אויס. אגב עס איז נישט דא נאך א קאמערשל קאך אין די וועלט וואס ווען איינער וויל עפעס קען ער געבן א וואק אריין... דאס איז אלץ ר' שלמה צו פארדאנקען

יישר כח ר' משה איינהארן הי"ו, ר' לייבי אפפעל הי"ו, פארן צושטעלן אזעלכע געשמאקע פיש, דיפס... אין די פארעווע קאך, זיי האבן אונז נישט דיסעפוינטעט און געפירט זייער אייגענע קאך די ערשטע מאל אזוי פראפעשענאל און עפישענט ברוך השם.

יישר כח ר' שלמה רוטה שליט"א, החתן חיים וואלווי זעלקאוויטש נ"י, הבחור חיים שלמה קויפמאן נ"י, הבחור נחמן נתן רוטה נ"י, הבחור ישראלי פרידריך נ"י, הבחור ר' יעקב סאמעט נ"י מזל טוב צו זיין חתונה, הבחור אלעזר ארי' פעלבערבוים נ"י, פארן אוועק געבן זייער צייט צו העלפן אין קאך וואס און ווען מען האט געדארפט.

דער עולם זאל נישט פארגעסן, די אלע העלפערס זענען "אויך" אריבער 7 וואסערן ביז זיי זענען אנגעקומען אין אומאן, אפגעמוטשעט און אפגעשוואכט, מיט דעם אלעם זענען זיי גלייך אריינגעשפרינגען אין זייערע באשטימטע פאזיציעס.

קום אריבער צו
מיין אפיס, סוויט
206. אין א שעה.

ווען אייער טאג איז אנגעשטרענגט און איר זענט פארנומען ביז איבער'ן קאפ, איר זיצט אין אפיס אדער אינדערהיים... נישט געזארגט, דער דאקטער'ס אפיס קומט צו אייער טיר.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטערס
אפיס ביי דיר
אינדערהיים

יישר כח ר' ישראל פוקס הי"ו פארן אונז פאראויס באשטעלן און דעליווערן אלע צוגעהערן, ירקות ... כדי עס זאל זיין וואס צו קאכן... אויך א יישר כח פארן זיין דער משגיח פון ביידע קאכן, באקוקן די קרויט, צוויבל פון ווערים וכו'...

די מילך וואס מען האט באשטעלט איז געגאנגען צום מלחמה פראנט, פרעגט נישט פארוואס, מיר ווייסן אויך נישט, למעשה האט ר' ישראל געשאפט די פאודער וואס מען מישט מיט וואסער, (דער עולם האט ריקוועסטעד מען זאל דאס האבן קומענדיגע יאר נאכאמאל, עס איז געשמאקער ווי די באטלער), מען דארף נאר איינער זאל עס מישן. אומערווארטעט האט זיך אנגעטראגן ר' לייבי ליבערמאן הי"ו, אויב איז ר' לייבי געגאנגען צום ציון אפילו איין מאל פאר ראש השנה, איז עס צו פארדאנקען דער וואס האט אים איבערגענומען פאר א שעה! יישר כח לייבי.

יישר כח ר' אהרן שלמה שווארץ הי"ו פארן נישט עסן ביי די סעודה, אזוי האבן קרוב צו 600 אידן יא געקענט עסן. יישר כח פאר ר' יודי פריינד הי"ו און ר' יעקב סאמעט פארן העלפן אנגרייטן, סערווירן...

יישר כח ר' שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו, ר' נח הערש ווייס הי"ו, פארן אפרייניגן די סעודות, מיר ווייסן נישט ווי עטץ האט געהאט כח צו זען 600 אידן שפאצירן ארויס זיך גיין לייגן, לערנען די שיעורים, גיין צום ציון, און ענק קאטשענען ארויף די ארבל, כדי די לאנטש רום זאל זיין גרייט פאר די קומענדיגע סעודה.

דיסקלעימער: די אלע העלפערס האבן געגומען די פאזיציעס ווען זיי האבן געמיינט עס וועט נישט זיין קיין גוים וואס וועלן זיי העלפן. שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילה האבן מיר יא געהאט עפעס גוים.

יישר כח ר' אברהם מרדכי פיש הי"ו פארן זען אז די שול זאל זיין אהער געשטעלט 101%, דאס איז דאך ר' אברמי פיש'ס ספעשעלטי, יישר כח ר' אלי' ציג הי"ו, ר' יושע ראבינאוויטש הי"ו, ר' שרגא שטראסער הי"ו פארן העלפן אז די שול זאל קלאפן ווי עס דארף צו זיין. אפרים שמעון בלומענקראנץ נ"י פארן מסדר זיין די מקוה אזוי שיין, עס איז געווען ממש א מחי', קיוטיפס פאר די אויערן, און אזוי ווייטער יעדע דעטאל.

יישר כח פאר החתן מרדכי איידליס נ"י, הבחור שלום אלי' פעלבערבוים נ"י וואס האבן כסדר צאמגענומען די לאבי עס זאל זיין געשמאק, ריין מסודר, ר' יואל משה מייזעלס הי"ו פארן רייניגן פארנט פון בנין.

יישר כח ר' מרדכי ראזנבערגער הי"ו פארן נעמען געלט פון אנ"ש, מסדר זיין די שטובער פון פאראויס, וועלכע שטוב יעדער זאל שלאפן לויט ווי זיי האבן רעזערווירט, אויבן, אונטן...

ואחרון חביב די געטרייע סטעף מלמדים ר' יואל טייטלבוים שליט"א, ר' יואל פרידלענדער שליט"א, ר' נחמן נתן קרויס שליט"א פארן עס אראנדשירן, ר' ישעי' איידליס שליט"א סיי פאר די קינדער און אויף פארן אראנדשירן און צאמברענגען די אלע העלפערס, החתן אשר ראנד נ"י, ר' יצחק פאפענהיים שליט"א, ר' דוד אנשין שליט"א, ר' יוסף כ"ץ שליט"א, ר' יוסף סאקס שליט"א, ר' יצחק אייזיק ראזענבוים שליט"א, הבחור איציק מענדלאוויטש נ"י, איר האט אזוי שיין צאמגעהאלטן די קינדער אין יעדע צייט, בעיקר ביים דאווענען, אסאך אנ"ש ווען זיי רעזערווירן זייערע בעטן זאגן אז זיי קומען נאר ווייל די קינדער זענען אונטער א הערליכע סטעף מלמדים. אגב דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז כסדר אז יעדע פלאץ אין אומאן האט זיך זיין ספעציעלקייט וואס זיי שטעלן צו, מיר שטעלן צו שמירה פאר די קינדער, ענקער קרעדיט.

מיר קוקן ארויס צו צושטעלן קומענדיגע ראש השנה בעזר השם נאך א הערליכע יום טוב פאר אנשי שלומינו. גלייכצייטיג אויב איר ווילט העלפן, און נעמען אחריות האבן מיר נאך אפענינג'ס.

פאר סיי וועלכע הערה קען מען זיך אלץ ווענדן צו די עסקנים וואס פירן עס אן ר' יחזקאל סאמעט הי"ו און ר' העניך אינדיג הי"ו.

יישר כח נאכאמאל, צום ווידערזעהן ר"ה שנת תשפ"ו אין אומאן ביים היילגן רבי'ן.

אויב מען האט פארגעסן צו דערמאנען אייער נאמען, נעמט די "יישר כח" פערזענליך פאר אייך.

**הנהלת היכל הקודש אומאן**

# מצה בעקעריי אין קרית ברסלב געעפנט דעם 4ט'ן יאר בעזהשי"ת



אין געוואלדיגע גוטע נייעס, קומט די מעלדונג אז היי יאר האט מען שוין אנגעהויבן די ארבעט אין די מהודר'דיגע ברסלבע מצה בעקעריי.

דאס קומט נאכדעם וואס פאריאר האט מען געזען אז כאטש מען האט שטארק פרובירט נאכצוקומען די פארלאנג פון אנשי שלומינו וואס האבן געוואלט האבן פון די מהודר'דיגע מצות, האט מען בלית ברירה געמוזט אפזאגן די באשטעלונגען פון פילע אנשי שלומינו.

דער ציבור אנשי שלומינו וויל האבן מצות געבאקן מיטן מהודר'דיגן הכשר פונעם דיין שליט"א, און מצות וואס ווערט געבאקן דורך אידן וואס לעבן מיטן אייבערשטן, און בשעת מען באקט די מצות שאקלען זיך די ליפן צום אייבערשטן, און אזוי אויך האט דער אייבערשטער געהאלפן אז די מצות זענען ארויס געקומען מיט א גאר גוטן טעם.

מוהרא"ש פלעגט כסדר נאכזאגן דעם באקאנטן אר"י הקדוש, אז "אויב מען איז נזהר אין א משהו חמץ, וועט מען זיין אפגעהיטן פון עבירות א גאנץ יאר", פלעגט מוהרא"ש זאגן, אז דאס איז ווילאנג די שמחה של מצוה האלט אן און ער איז פרייליך מיט דעם אז ער האט נישט געגעסן קיין חמץ אום פסח, איז דאס א זיכערע סגולה אז ער וועט נישט חלילה אריינפאלן אינעם נעץ פונעם סמ"ך מ"ם, וואס זוכט נאר אונז אריינצוווארפן אין מרה שחורה און אזוי ארום אונז חלילה אראפווארפן אין אלעם שלעכטס.

בזכות וואס מיר זענען עוסק מצוה פון מצה, וואס דער זוהר הקדוש רופט אָן "א מאכל פון אמונה", וועט דער אייבערשטער משפיע זיין פאר אונז א קלארע "אמונה".

די ברסלב'ע מצה בעקעריי עפענט שוין אירע טויערן דעם פערטן יאר צום גוטן, דער דיין שליט"א איז געקומען באזוכן די בעקעריי היי יאר און איז ארויס פון התפעלות פון די הידורים וואס עס האט אלץ.

די חשובע פרויען אין שטעטל קומען באקן יעדן טאג, און לייגן אריין א געוואלדיגע גוטע ארבעט, אזוי אויך די חשובע אינגעלייט ארבעטן זייער געטריי אז די מצות זאלן ארויסקומען כשר און גוט ווי עס דארף צו זיין.

אויב ווילט איר באשטעלן מצות פאר שבת וכדומה קענט איר רופן, 845-707-6374 breslevbakery@gmail.com

אדער קען מען קויפן אין בעקעריי, אדער ליל ששי אין שטעטל

**ווען מ'האלט די מצה אין דער האנט, האלט מען גאט אין דער האנט (לשון רבינו)**

גרשון קרעמער
האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# וואס האט "בלוטוט" מיט "בלוי" און מיט "ציין"?

## שאלה

פארוואס רופט מען די ווייערלעס טעכנאלאגיע וואס מען נוצט צו פארבינדן מאשינען "בלוטוט", וואס האט עס מיט "בלוי" און וואס האט עס מיט "ציין"? אפשר אויך פון וואו קומט דער מאדנער אייקאן דערפון?

משה פ.

## ענטפער

זייער א גוטע שאלה, בלוטוט טעכנאלאגיע (וואס מיינט בוכשטעבליך "בלויע ציין") האט גארנישט מיט'ן קאליר בלוי אדער מיט ציינער.

דער נאמען קומט פאקטיש פון א דענישער קעניג "האראלד גראסמאן" וואס איז באקאנט מיט'ן צונאמען "האראלד בלוטוט" צוליב וואס ער האט געהאט א טויטע צאן אין זיין מויל וואס האט אויסגעזען "בלוי".

דער קעניג האט מיט בערך טויזנט יאר צוריק פאראייניגט די צוויי מלוכות פון נארוועגיע און דענמארק, און צוליב וואס די טעכנאלאגיע וואס איז געווען געצילט צו פאראייניגן מאשינען זיי זאלן קענען "רעדן" צווישן זיך, איז אויסגעארבעט געווארן דורך א שוועדישע פירמע, זיי האבן געזוכט א נאמען פארדעם, און ביז ווילאנג מען וועט אויסארבעטן א געהעריגע נאמען האבן זיי עס גערופן "בלוטוט". למעשה איז דער נאמען געווארן אויפגעכאפט אין דער וועלט, און האט קיינמאל באקומען אן אנדערע נאמען.

בשעת מיר וועלן נוצן דעם בלוטוט טעכנאלאגיע נאר אויף א גוטע וועג צו פארבינדן די ספיקער צו די מוזיק פלעיער ווי מיר וועלן הערן שיעורים וואס וועלן אונז מחזק זיין צו געדענקען דעם אייבערשטן, און זיך מחזק זיין אין אלע אומשטענדן, וועלן מיר אבער פאקוסן צו נוצן אונזערע בלוטוט זיך צו פארבינדן מיט אנדערע אידן און זיך מחזק זיין מיט אחדות און אהבת ישראל. נישט קיין חילוק צי ער האלט די זעלבע ווי מיר, אדער ער האט אן אנדערער מיינונג קענען מיר נאך אלץ רעדן און זיך ליב האבן.

בפרט נאך די חתונה ווען עס קומען זיך צוזאם צוויי מענטשן פון אנדערע משפחות און אנדערע וועלטן, וועט מען קוקן איינע אויפן צווייטן מיט א גוטע בליק, וואס איז דער "בלוטוט" וואס וועט זיי האלטן פאראייניגט.

דער אייקאן פון בלוטוט איז אן אינטערעסאנטע צוזאם שטעל פון צוויי אור אלטע סקאנדעניש אותיות, האגעל און ביארקאן (זע ביים סוף פון די באשרייבונג) וואס איז די ראשי תיבות פונעם נאמען פונעם קעניג האראלד בלוטוט, אויף וועמען'ס נאמען דער טעכנאלאגיע איז געגעבן געווארן.

אונזער אייקאן איז די הייליגע תורה, וואס אירע ווערטער כאטש זיי זענען זייער אלט, שוין פונעם מעמד הר סיני, איז עס אבער פריש יעדן טאג און אירע הייליגע ווערטער זענען אקטועל אויף יעדן טריט און שריט פון אונזער לעבן.



# היכל הקודש נייעס




סיגעט

## פרישע ניגון "ודע שלעתיד" פונעם קאמפאזער יוסי גרין ווערט שטארק אויפגעכאפט

זייענדיג צוגאסט אין בארא פארק אין א פרעמדע בית המדרש אלס פרישער אינגערמאן, האט יוסי געזוכט עפעס מיט וואס צו זיין פארנומען, און האט געטראפן ערגעץ פארשטעקט צווישן די ספרים א קליין אומשולדיג קונטרס'ל "סדר דרך הלימוד", ער האט אנגעהויבן אריינצוקוקן דערין און נישט געקענט אראפלייגן. ער האט באשלאסן צו פאלגן דעם הייליגן ספר וואס ער האט נאך דאן נישט געוויסט ווער עס האט איר מחבר געווען, און נאך יענע נאכט האט ער געמאכט א שיעור אין א בלאט גמרא, א זאך וואס ער האלט שוין אן פאר צענדליגע יארן, און האט שוין אזוי זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס עטליכע מאל.

דאס פארציילט דער בארימטער קאמפאזיטער ר' יוסף גרין אויף אן אינטערוויו פאר קול ברסלב, און דערפאר האט ער שוין געמאכט עטליכע ניגונים איבער דעם הייליגן רבינ'ס סדר דרך הלימוד. איין בארימטע ניגון איז "מעלת ריבוי הלימוד" ווי ר' יוסי זינגט אפ דעם "סדר דרך הלימוד" אין שיחה ע"ו, און יעצט האט ער מחבר געווען א פרישע ניגון אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן וואס באציעט זיך צו דעם אז א מענטש זאל וויסן אז נאך זיין פטירה וועט מען אים דערמאנען אלעס וואס ער האט געלערנט אפילו אויב ער האט עס שוין פארגעסן, אויך - זאגט דער הייליגער רבי דארט - ווען א מענטש הערט תורה פונעם צדיק און ער פארשטייט עס נישט, לעתיד לבוא וועט ער עס פארשטיין, ווייל דער עיקר תורה - זאגט דער רבי - איז פאר די נשמה.

איך האט שוין אמאל געזען דעם סארט אינגערמאן וואס וויל וווּעקנעמען די אפעטיט פון זיין שכן ביים חתונה "איך מיין נישט גארנישט, איך וויל נאר זאלסט וויסן, די מעל פון די חלה איז געבליטשט, די פיש איז פול מיט אנטיביאטיק, און די פלייש איז דזשענעטיקלי מאדיפייד, דו עסט סם המוות", וואס וואלט איר געענטפערט פאר דעם אנשיקעניש?

איך וואלט געשמייכלעט צו אים און געזאגט "אזוי?", און ווייטער געגעסן פון די פיינע געשמאקע געבליטשע חלה, גענידלדטע אייער, און געווארן זאט, בשעת ער עסט קוקט דער יעניגער מיט קנאה און בלייבט הונגעריג. מיר וועלן ווייטער מעביר סדרה זיין מיט די פיינע זיסע וועג וואס מוהרא"ש האט אונז געגעבן, דער פרומער יצר הרע האט נישט קיין וועג איך זאל אויך זאט ווערן, דאן וואס וויל ער פון מיר?

די ווערטער פונעם ניגון (שיחת הר"ן, סימן כ"ו) איז "וְדַע, שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח. גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ, לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא יָבִינוּ. כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת, שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה". מ'קען עס הערן ביים סוף פון די וועכענטליכע ברסלב'ע ברודער שמועס אויף קול ברסלב 212-444-9191 דערנאך 5-4-1.

**שאין צריכין בלימוד רק אמירה בלבד!**

אברהם משה שטראססער

# צען שטארקע זאכן, צען שטארקע זאכן.

**צען שטארקע זאכן, צען שטארקע זאכן.**

יא! עס איז אויך א ניגון, אבער עס איז א גמרא, מיר האבן נישט לאנג צוריק עס געלערנט אין בבא בתרא דף י', און איך האב פאר אייך נייעס, ער איז נישט דער ערשטער וואס פארפאסט א ניגון אויף דעם שטיקל גמרא, ר' יונטל האט שוין באזינגען די צען שטארקע זאכן... ווי עס שיינט, האט איר - אזוי ווי אלע זיינע ניגונים וואס איר האט געהערט - נישט געקענט כאפן וואס ער רעדט..."זאגט די גמרא, עס איז טאקע א סברא, די פייער די פייער א גרויסע העלד... געוואלד געוואלד ווער טשעפעט מיר, זאגט מען דער אייזן איז שטארקער פון דיר..."

איז ווי עס זאל נישט זיין, איז דא צען שטארקע זאכן אויסגערעכנט אין די גמרא וואס איינס איז שטארקער פון אנדערן... אבער די שטארקסטע פון אלע איז "צדקה". מיר וועלן צולייגן א קליין הערה'לע צום גמרא, נעמליך מיינע לעפצן, מיין ליפן איז נאך אלס שטארקער פון אלע צען.
הער אויס וועסטו זען.

**א בארג**

א בארג מיט צרות האט מיך באטראפן,
אבער מיין מויל איז פארקנאקט, איך קען עס נישט עפענען. א בארג איז שטארק, אבער נישט שטארקער פון מיינע ליפן, עס האלט אויס די שווערע בערג צרות, עס וועט זיך נישט אויפהייבן.

**אייזן**

אייזן איז שטארקער פון א בארג, יא יא, עס שניידט דורך א בארג, אבער נישט שטערקער פון מיינע ליפן. אזוי שטארק פארמאכט, אייזענע צוואנגען קענען עס נישט עפענען. זיי ליגן צאמגעלייגט אזוי שיין איינער אויפן צווייטן, די צוויי חברים שטערקער פון אייזן, זיי גייען זיך נישט שיידן.

**פייער**

אה! פייער, עס פלאקערט עס ברענט, עס פארברענט וואס עס שטייט אים אין וועג, עס צולאזט אייזן, ער איז פיל שטערקער פון בערג, פול שטערקער פון אייזן, אבער נישט מיין מויל.
עס פלאקערט אין מיר דער יצר הרע, א ברען פונעם ערד ביזן הימל, נו עפן שוין דיין מויל.
ניין! פייערן פלאמען, אבער די מויל וועט זיך נישט רירן.

**וואסער**

אזעלכע שווערע וואסערן, איך דערטרענק מיך אין חובות, איך דערטרענק מיך אין צרות.
וואסער... פיל שטארקער פון פייער, פון אייזן, פון בערג, אבער מיין פיסק פארהארטעוועט.
זיך נישט בייגן נישט רירן, זאל איך זינקען זיך דערטרינקען, גארנישט וועט מיין מויל נישט רירן, גארנישט וועט אים נישט מאכן רעדן.

**וואלקענעס**

שווארצע וואקלענעס, מען זעט עס קומען שווערע צייטן, עס קומט... עס קומט... אלעס פארוואלקענט, ער קען איינהאלטן אין זיך וואסער, ער מוז זיין שטארקער פון וואסער. אבער ווי עס זאל זיך טומלען, מיין מח זאל זיין פארוואלקענט, פארטונקלט פארשווארצט פארוואלקענט, מיין מויל איז אלעס איבערגעקומען, זיך נישט געבראכן.

**ווינטן**

שרעקליכע שטורעם ווינטן, עס טוט זיך א רעש'קע, עס בלאזן בייזע ווינטן, מיינע קינדער פארפאלן, נייע ליבעראלע ווינטן. איך אליין קען מיך נישט שלאגן, מיט די נייע ווינטן וואס בלאזן. זיי צובלאזן אלעס די וואלקענעס.
אבער אויך די מסורה די אידישקייט. די ווינטן בלאזן און קילן אפ די גאנצע וועלט, אלעס פארפרוירן און צובלאזן.
נו! דו פאר'עקשנ'טע ליפן, געב דיך א שאקל, זיצן די צוויי צוזאמען, דער ליפ פון אויבן אין קעגן די אונטערשטע ליפ, ווי א פארל מיט ס'בעסטע שלום בית, זיי וועלן זיך נישט שיידן, פארמאכט פארשפארט די שטערקסטע ווינטן וועלן זיי נישט אפטיילן.

**גוף**

אה איז דער א תקיף, ער זיצט ער קען זיך נישט קיין ריר טאן, ער שטייט פעלזן פעסט אויף זיינע רעכטן, גיין דאווענען? לערנען עפעס? אך א שווערער גוף, גוף ראשי תיבות ג'וף ו'ויל נאר פ'ארפירן, ג'וף ו'ויל נאר פ'וילעצן.
אוי די שווערע גוף רירט זיך קוים, ממש ווי א ג'יף דרייט זיך אהער דרייט זיך אהין.
אודאי די ליפן איז דאך די שווערסטע חלק צו רוקן, ער וועט זיך פון גארנישט דערשרעקן.

**פחד**

אזעלכע פאוביעס אזעלכע פחדים, איך ציטער פון יעדן בלעטל (נישט פון אונזער בלעטל...). פחד צוברעכט דעם גוף, נו אז ער איז אזוי שטארק ער קען צוברעכן די גוף, אבער מיינע ליפן זענען ווי צוגעקלעבט מיט שטארקע גלו, זאג אווארט, בעט פון דעם

# שפעקולאציעס

וואס קען דיך העלפן, אבער ווי ערוועגט, די ליפן, א קמץ איז דא א אפענער און א פארמאכטער... דאס זעלבע איז מיטן פתח אלעמאל אפן... אבער מלאופים (מיין ליפן) אלעמאל פארמאכט.

**שלאף**
איך שלאף דורך מיינע יארן, מיינע שיינע זיסע יארן וואס דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען, גייט אוועק מיט גארנישט. עס ווייטאגט, עס רייסט, איך וויל זיך אזוי שטארק טרישן, זיך נעמען אין די הענט אריין, נו בעט דעם אייבערשטן, ניין! עס קומט נישט אין באטראכט, ווידער האט זיך ארויסגעשטעלט ווי מיין מויל איז איבערגעקומען די צער און פיין פון פארשלאפן מיינע יארן.

**ווײן**
ווײן, צוגעקלעבט, צו די שווערע עדיקשאן'ס, זיי האלטן מיך פאר'משכונ'ט. זאג שוין ארויס א ווארט צום לעבעדיגן בורא, טאטע זיסער ווען וועל איך מיך שוין פונעם ביטערן טראפן שיידן, ווען וועל איך זיך שוין פון די ביטערע געווירצן זיך אפטיילן, ווען וועל איך שוין מיינע מאוויס אפ'גט'ן.
דא ווייזט אויך דער ליפן זיין עקשנות, ער קען נישט עפענען, זיי זענען מיט דיקע פאדעם פארנייט איינס אויפן אנדערן.

**ומיתה קשה**
ווי געוואלד דאס לעבן איז מיר אריבערגעלאפן! העלאו, יא? חברה קדישא! א פחד דאס איז עס טאקע? מיינע לעצטע מינוטן? יא! איך האלט שוין אט אט ביים שטארבן.
אבער איך ווייס נישט אז מען קען איבערבעטן דעם אייבערשטן, איך ווייס נישט די כוחות וואס מיין מויל פארמאגט. ווי געוואלד "דאס לעבן און טויט ליגט דאך אינעם מויל" נאכאלס קען איך מיין ליפן נישט באוועגן. זאגן "אייבערשטער איך וויל זיין גוט, לאז מיך אוועקגיין כאטש מיט תשובה. אייבערשטער איך הייב אן יעצט ביי די הונדערט און ניינצן".

טאקע די ליפן איז פון אלעם שטארקער, אבער עס איז דא עפעס וואס איז שטארקער פון אלעס.
**צדקה תציל ממות!**
יא! דער צדיק, גייט ארום, ער פארשפרייט ספרים, קונטרסים, דרשות, קארטלעך, יו עס בי"ס.
אה! וואו קוק ווי שטארק דער צדיק איז, דער צדיק האט באוויזן וואס נישט די בארג, נישט די אייזן, נישט די פייער, נישט די וואסער, נישט די וואלקענעס, נישט די ווינטן, נישט די שווערע גוף, נישט די פחדים, נישט די ווײן, נישט די שטארבן... יא! דער צדיק איז שטארקער פון אלעם, ער האט מיר געעפענט מיין שווערע פארקלאפטע מויל, איך האב אנגעהויבן זאגן "טאטע איך וויל זיין נאנט צו דיר".
און וואס מיינסטו, אלע שטארקע זאכן האבן זיך פלוצלינג צולאזט פון מיינע פשוטע ווערטער.

די **בערג** צרות זענען אנטרינען געווארן ווען איך האב געזאגט: "אייבערשטער איך האב נישט קיין כח מער, העלף מיר, ראטעווע מיך".

די **אייזערנע** קייטן וואס איך בין געווען געפאנגען, זענען צוביסלעך דורכגעריסן געווארן, ווען איך האב געזאגט אפאר ווערטער פארן אייבערשטן.

די **פייער** פון יצר הרע האט זיך עטוואס בארואיגט ווען איך האב געזאגט "באשעפער וואס מיינסטו איך וויל זינדיגן? דער יצר הרע מאכט מיך משוגע, איך פיל ווי איך האב נישט קיין בחירה".

די **וואסער** אין וואס איך האב מיך דערטרינקען פון חובות און צרות זענען נעלם געווארן, ווען איך האב געעפענט מיין מויל און געזאגט פארן אייבערשטן "טאטע ראטעווע מיך ארויס פון מיינע צרות פון מיינע חובות".

א קלארקייט, פון די נעפל, פון צווישן די **וואלקענעס**, עפעס דערזעט זיך שוין ארויס א שיין, א האפענונג, דער צדיק האט מיר געעפנט מיינע ליפן, מיין מויל, איך בין מסדר מיין טאג מיטן אייבערשטן: "באשעפער קלאר מיך אויס מיין וועג אין לעבן" אהה! איך שפיר ווי די וואלקענעס צובלאזן זיך.

די שרעקליכע שטורעם **ווינטן**, די קאלטע ליבעראלע ווינטן, יא איך זע עס איך שפיר עס, עס האט מיר געקאסט טייערע פרייזן, אבער אנשטאט ווי א ביבער זיך נאך טיפער באגראבן ביי די לינקע טעראפיסטן, מיט מיין ליפן האבן נייע ווינטן אנגעהויבן בלאזן, אלעס דרייט זיך ארום דעם באשעפער, מינע קינדער שפירן די רואיגקייט אינדערהיים, זאכן הערן אויף צו פליען פון די שטורעם ווינטן, יא! דער צדיק האט גע'פועל'ט ביי מיר, געעפענט מיין מויל, און שווערע ווינטן ווערן צוביסלעך אפגעשטילט.

יא אויך דער **גוף**, איך בין געווען זיכער אז ער פארשטייט נאר שלעק, אים דארף מען צושטויסן און צורייסן, אבער פלוצלינג א ווארט צום אייבערשטן דא א ווארט צו אייבערשטן דארט, און די גוף איז שוין נישט אזוי שווער, עס איז שוין נישט אזא שטארקע שטער, ער גייט שוין אין שול, יא מיט די עצות פונעם צדיק געקנאקט תפילות "אייבערשטער העלף מיר איך וויל גיין אין שול דאווענען שחרית מנחה מעריב".

א **פחד** פון א מעשה, ווי נאר איך האב באקומען א א קונטרס עצתו אמונה, זענען מיינע אלע פאוביעס **פחדים** אנטלאפן... וואו זענען זיי? א קורצע תפילה וואס איך האב מיך איינגע'חזר'ט און יעדן טאג געזאגט, יא! נישט טערעפי, נישט הילינג, און... מיין פחד איז פארשווינדן.

**שטארבן** האט באקומען ביי מיר אן אנדערן באדייט, ווייל איך ווייס אז איך דערצייל אלעס פארן אייבערשטן, איך האב מער נישט מורא דערפון.

יא דער צדיק האט א כח מיך צו עפענען די מויל און מאכן רעדן צום אייבערשטן אפאר ווערטער.

מיך".





# אִיז דָא אַ מַאנְגֶל אִין שִׁידוּכִים?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.**

**אִיךְ בִּין אַ גָרוּשׁ, זִיבְּן אוּן דְרַייסִיג יָאר אַלְט, אָן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיסְצוּזָאגְן צְוֵויי מָאל גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

**אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ פַארְדִין זֵייעֶר שֵׁיין, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ הָאבְּן אַ גְרִינְגֶערֶע זַאךְ, נִישְׁט צוּ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער; מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס גֶעלְט רִינְט מִיר אַרוֹיס פוּן צְווִישְׁן דִי פִינְגֶערְס, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ צוּפִיל הוֹצָאוֹת אוּן חוֹבוֹת.**

**אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דֶעם וָואס אִיךְ גֵיי פוּן צַייט צוּ צַייט אַבִּיסְל הֲפָצָה מִיט קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת.**

**אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה אוּן חִיזּוּק אִין מַיין מַצָּב.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "**הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה**", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה, "**שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד**", וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דִי עֲבֵרָה אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. "**וַאֲפִילּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד**", אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב, וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דִי עֲבֵירָה אִיז אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן; אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה דֶעמָאלְט קֶען מֶען מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אָן אַ וַוייבּ אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "**מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי הוּא פָּגוּם בִּבְרִית**", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, דֶערְפַאר הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעדַארְפְט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, וַוייל עֶר אִיז עוֹסֵק אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם הַכִּפּוּרִים צוּ פַארֶרעכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס קֶען זַיין נָאר מִיט אַ וַוייבּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, **עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ שִׁידוּכִים**, אַלֶע קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֶועלְט זִיךְ, מֶען זָאגְט אָפּ שִׁידוּכִים, מֶען וִויל נִישְׁט זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, מֶען הַאלְט זִיךְ מֶער וִוי מֶען אִיז; אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז **מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן**, מֶען דַארְף אִיבֶּערְלָאזְן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן.

אַז דוּ וִוילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין אַלֶע מִנְיָנִים אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַז מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מִנְיָן. תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָּל פַאר אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט): תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת; זָאג יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועסְטוּ מְתַקֵּן זַיין דֶעם חֵטְא אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "**מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ**", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט הָאבְּן הַצְלָחָה; דָאס זֶעט מֶען בְּחוּשׁ, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין זֵייעֶרֶע שְׁווֶערֶע צַייטְן - דִי אַלֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ. שִׂמְחָה גֶעבְּט אַ בְּרֵייטְקֵייט, שִׂמְחָה עֶפְנְט אוֹיף דִי מֹחַ אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, מֶען טוּט נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען וֵוייסְט וואוּ צוּ לֵייגְן דִי גֶעלְט וְכוּ'.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בִּפְרַט דוּ וָואס דוּ בִּיסְט אַלֵיין, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען הַצְלָחָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז אַלֵיין, מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; דָאךְ זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת יָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

**אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן בְּקָרוֹב אַ מַזָּל טוֹב.**

גרשון קרעמער




# טראמפ שטעלט איין נייע דעפארטמענט אף גאווערמענט עפישינסי

אין איינע פון זיינע ערשטע מעלדונגען נאכן ווערן ערוועלט אלס דער קומענדיגער פרעזידענט פון אמעריקע, האט טראמפ געמאלדן אז ער שטעלט אויף אן ארגאניזאציע אינדרויסן פון די רעגירונג מיט'ן נאמען "דעפארטמענט אף גאווערמענט עפישינסי" וואס ער רופט אויפן ראשי תיבות DOGE "דאדזש", ער האט געשטעלט זיין פריינט דער אייגנטומער פון טעסלא, עקס, און ספעיס עקס "איילאן מאסק" צוזאמען מיט'ן ענערגיש ביזנעסמאן און אינדיאנער אפשטאמיגער טראמפ שטיצער "וויוועק ראמאסוואמי" זיי זאלן עס פירן.

אגב, דער וויוועק ראמאסוואמי איז געלאפן אויפן טיקעט פאר פרעזידענט אויף די רעפאבליקאנער זייט, אבער ער האט זיך ארויסגעצויגן נאכדעם וואס ער האט נישט צופיל אנגעצויגן אינעם פארטיי.

יעדע בר דעת פארשטייט אז נאך יארן וואס די רעגירונג פירט זיך עולם כמנהגו נוהג אן קיין אחריות און אן קיין חשבון הנפש, ווערן די באאמטע צוביסלעך מער און מער באקוועם.

יעדער וואס האט נאר געהאט אמאל א מגע ומשא מיט די רעגירונג זעט אז דער חילוק צווישן א פריוואט געפירטע אונטערנעמונג און די רעגירונג איז זייער גרויס, די ארבעט שעות זענען מינימאל, די בענעפיטן זענען דאס מערסטע, יעדע שני וחמישי איז דער אפיס פארמאכט צוליב דעם אדער יענעם חגא, ביי לאנטש איז נישטא צו וועם צו רעדן, בשעת זייערע סערוויסעס ווערן ערגער און ערגער, שטייגן אבער די אויסגאבן פון די ביוראקראטיעס מיט יעדן טאג.

ווען א מענטש לעבט זיין לעבן אן קיין חשבון הנפש, ער גייט קיינמאל נישט איבער זיין טאג מיטן אייבערשטן, מיינט ער אז אלעס איז וואויל אלעס איז גוט, ער איז זיכער אז ער דאוונט יעדע תפלה מיט מנין, ער איז מעביר סדרה יעדע וואך, ווייל ער האט זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט טראכטן וויאזוי זע איך אויס.

יעצט ווילן זיי איבערמאכן די גאנצע סטרוקטור פון די רעגירונג, מאסק האט דערקלערט אז ער האפט צו שניידן צוויי טריליאן דאלער פון די פעדעראלע בודזשעט (וואס איז בערך 30% פון די גאנצע אויסגאבן פון א יאר) און דערמיט שוין לייזן דעם דעפיציט וואס שטייט היי יאר ביי בערך 1.8 טריליאן דאלער. ער זאגט אז ער וועט איבערקוקן יעדע ווינקל פון די בודזשעט.

זיי ווילן איבער ארבעטן די מיליטערישע קאנטראקטן, פארבעסערן די פינאנצן ביי מעדיקעיד און מעדיקער, שניידן איבעריגע פראגראמען, עלימינירן פילע ביוראקראטישע אדמיניסטראטיווע איבעריגע פאזיציעס און רעגולאציעס, שניידן שטיקער פון סובסידיעס וואס אמעריקע שענקט פאר ביזנעסער און אויסלענדישע רעגירונגען.

ער האט טאקע גרויסארטיגע פלענער, עס וועט זיין אינטערעסאנט צו זען וויפיל דער אונטערנעמונג וועט מצליח זיין.

דאס איז אבער זיכער אז דו קענסט גאר שטארק מצליח זיין אויב דו וועסט נעמען דעם סטראטעגיע, יעדן טאג אוועקגעבן עטליכע מינוט און איבערגיין דעם טאג, וויאזוי האט אויסגעזען מיין שמירת עינים, מיין דאווענען, האב איך געלערנט היינט, און אזוי ווייטער, אויב קומט דער באריכט ארויין פאזיטיוו, דאנק דעם אייבערשטן, אויב נישט בעט דעם אייבערשטן אז מארגן זאל עס זיין גוט. דער מיטל וועט העלפן אז דיין גאווערמענט אויף זיך אליינס וועט ווערן אסאך מער עפישינט בעזרד השם יתברך.

**חשבון הנפש!**



# וואלד פייערן אין צפון מזרח אמעריקע

ווי שוין באריכטעט הערשט א געוואלדיגע טרוקעניש אין די מזרח צפון שטאטן פון אמעריקע, נאכדעם וואס עס האט כמעט נישט גערעגנט אין די לעצטע צייט, וואס דאס ברענגט מיט מיט זיך ערנסטע וואלד פייערן וואס בוזשעווען אין די געגנט אין אפאר וועלדער.

ביי איין גרויסן פייער ביי די דזשענינגס קריעק וואלד פייער לענגאויס די גרעניץ צווישן ניו יארק און ניו דזשורסי' זעצן נאך די פייערלעשער פארנומען צו באקעמפן די פייער.

ניו יארק גאווערנער האט געמאלדן א סטעיטוויידע פארבאט אויף אינטערצינדן גאס פייערן, אין ליכט פון די הויכע וואלד פייער ריזיקע.

מער ווי 100 משפחות זענען עוואקואירט געווארן פארגאנגענעם שבת וויבאלד די פייער איז אריבער א גרעניץ ליניע, אבער שפעטער זונטאג זענען א חלק געווארן צוריק געלאזט.

אויך האט ניו יארק סטעיט באאמטע געבעטן צענדליגער איינוואוינער אין געגנט פון גרינוואוד לעיק וואלדפייער צו עוואקואירן וואלונטיריש, צוליב דער וואַלדפייער וואס האָט שוין פאַרברענט 5 טויזנט עיקערס.

טייל שרייבן עס צו צו גלאבעל ווארעמינג אדער גאר צו "קליימעט טשענדזש". וויאזוי עס זאל נישט זיין, ווען מען באקומט נישט גענוג רעגן, דאס איז די הייליגע תורה, ווערט מען פארטרוקענט, און אויסגעדארשט, און יעדע קליינע פונק צינדט אן א פייער, וואס איז זייער שווער צו פארלעשן.

היינט ווען עס הערשט אזא טרוקעניש, דארף מען זען צו טרונקען יעדן טאג אביסל חומש, משניות, גמרא, שולחן ערוך. און זיכער זאל מען חלילה נישט שטערן די פייערלעשער וואס קומען מפיץ זיין די וואסער - די ווערטער פון די הייליגע צדיקים וואס זענען בכח ארויסצוגעמען א איד פון די נידעריגסטע פלאץ ווי ער זאל זיך נישט געפונען. אפילו עס איז שוין שטארק פארשפרייט.

צענדליגע פייער קאמפאניס - אריינגערעכנט מצילי אש פון קרית יואל - האבן שווער געארבעט צו באקעמפן דעם פייער וואס האט באוויזן צו פארשפרייטן א שווערע רויעך אינעם גאנצן אומגעגנט. מאכטפולע בלאוער מאשינען פון קרית יואל'ער לענדסקעיפינג ביזנעסער, האבן געהאלפן אפריינינגן אנגעלייגטע טרוקענע בלעטער און קליינע צווייגלעך פון ארום דעם פייער, אזוי ארום אז דער פייער זאל פארלירן אקסידזשען. דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס האט זיך אראפ געלאזט א שטיקל רעגנדל אינעם געגנט וואס האט אביסל אויסגעקלארט די לופט, אבער דערווייל גייען נאך די פייערן אן.

ס'איז אינטערסאנט אנצומערקן אז ניו יארק און ניו דשערזי לעבן מיט א היסטארישע טריקעניש וואס מען האט נישט געזעהן באלד 130 יאר.

עס איז זייער שווער צו אויסלעשן א וואלד פייער, איינע פון די עיקר וועגן איז צו אפשטעלן דעם געלויף דורך אויסשניידן א גרויסע ליידיגע שטח אין וואלד איידער די פייער קומט אן אהין, וואס דינט ווי א מויער פאר די פייער וואס קען נישט אריבערטאנצן די ליידיג שטח.

דא איז דאס זייער שווער צו טון צוליב די בערג און טאלן פונעם פייער, און מען בעט דעם אייבערשטן דער "משיב הרוח ומוריד הגשם" זאל שיקן א גוטע רעגן און אויסלעשן דעם שווערן פייער.

## אין מים אלא תורה!



# מעשיות פון תפילה

## אייזיק הכהן קאהן

קרית ברסלב

מיין טעלעפאן האט זיך געהאט אויסגעניצט די בעטערי, נאכן טשארדשן האב איך געזען אז עס צינדט זיך נישט אן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אנצינדן, אויך האב איך מיך מקבל געווען אז פאר אפאר וואכן וועל איך אינגאנצן אויסלעשן די טעלעפאן ביים דאווענען.

שכח אייבערשטער עס האט זיך צוריק גענומען ארבעטן.

## שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל

איך דאווען אין א בית המדרש ווי עס איז דא תקנה אז מען טאר נישט אנפאנגען א מנין א האלב שעה פאר חצות, די לעצטע מנין איז 11:15 הודו, איך האב נאך געוואלט האבן א מנין פאר חצות.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו דאווענען מיט מנין פאר חצות, און ממש א נס אז ס'איז געווארן מנין ביי א שול אנטקעגן איבער דעם שול.

## אברהם ראטענבערג

קרית יואל

איך האב געוואלט זיין צווייטע טעג אין שטעטל, עפעס א פלאן האב איך געהאט צו האבן א מאביל פון ערגעץ, אבער למעשה האב

# מעשיות פון תפילה

איך עס נישט געקענט האבן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל זיין אין שטעטל, אויך האב איך געשפירט אז איך וויל מיטהאלטן שמחת תורה מיט אנשי שלומינו, ווייל ס'איז די זעקסטע מאל וואס איך ענדיג חמשה חמשה תורה.

למעשה בין איך געפארן צום ראש ישיבה הושענא רבה צו דאווענען שחרית. נאכן דאווענען האט מיר איינער געזאגט אז ער האט א מאביל וואס ער פלאנט נישט צו ניצן, איך קען דאס ניצן אויב איך וויל.

איך האב דאס טאקע גענומען פון אים, און אזוי האב איך זוכה געווען צו זיין אין שטעטל און מיטהאלטן אזא שיינע יום טוב.

## יודא בנציון ווערצבערגער

מאנסי

מיין באנק האט געטשארדשט א טשארדש, וואס געווענליך אפילו מען רופט אריין צו זיי געבן זיי דאס נישט צוריק, אבער תפילה איז שטערקער פון אלעס. איך האב אפגעמאכט איך גיי בעטן דעם אייבערשטן און דערנאך אריינרופן צו זיי פרעגן אויב זיי קענען עס אראפנעמען.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז גלייך דער ערשטער וואס הייבט אויף זאל מיר קענען העלפן דערמיט. איך האב אריינגערופן צו די באנק, און דאס ווינדערליכס האט פאסירט, ער האט מיר גלייך געזאגט אז ער גייט דאס אראפנעמען.

## חבורת היכל הקודש

בראכפעלד

איך האב זייער שטארק געוואלט פארן אויף אומאן, אבער עס האט נישט אויסגעזען אז איך וועל עס קענען באוויזן צוליב אפאר סיבות. איינס פון די סיבות איז געווען צוליב איך האב נישט געהאט די געלט דערפאר.

אבער איך האב נישט אויפגעגעבן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך, אפילו אויב אין מיינע אויגן זעט עס אז ס'איז נישט מעגליך.

ממש צוויי טעג פארן פָארן, רופט מיר איינער אן אז ער האט א טיקעט וואס ער וויל איבערגעבן אויב איך וויל דאס איבערנעמען אנשטאט אים, ברוך השם אזוי האב איך געקענט פארן און זיין ראש השנה אין אומאן.

## אלימלך ראזענטאל

אמעריקא

מיין מעשה גייט נאך צוריק בערך א חודש צוריק, נאך ראש השנה, אבער א מעשה פון תפילה איז קיינמאל נישט צו שפעט צו פארציילן.

ביים גרעניץ פון פוילן אויפן וועג אהיים פון אומאן, האט די קאמפיוטער ביים גרעניץ אויפגעהערט צו ארבעטן, און די גאנצער עולם האט געדארפט יעצט ווארן אז די קאמפיוטער זאל צוריק אנהייבן ארבעטן.

איך האב געדארפט כאפן די פליגער אהיים, איך האב דאס נישט געוואלט פארפאסן, נאכן אדורכגיין אלעס ביז אהער, אבער דא דארף מעןווארטן אז די קאמפיוטער ביים גרעניץ זאל זיך אנצינדן. איך האב גלייך דערמאנט אז זיכער וויל דער אייבערשטער איך זאל מאכן יעצט אפאר תפילות.

אזוי האב איך טאקע געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך נעמען ארבעטן, און אזוי זאל מען קען אדורכגיין דעם גרעניץ, כאפן דעם פליגער, און אנקומען אהיים בשלום. שכח אייבערשטער גלייך נאך די תפילות האט זיך עס גענומען ארבעטן, און שכח אייבערשטער איך האב נאך אנגעיאגט צו כאפן די פליגער אהיים.

# מיין באזוך אין טורמע

ס'איז זונטאג אינדערפרי, מ'איז גאר גוט אויסגעשלאפן ב"ה, קום איך אן אין שול גיין אין מקוה און דאווענען שחרית.

שטיי איך דארט אין ווינקל אין האשקי שול מיטן טלית אויף די פלייצע, איך פיר דורך מיינע פינגער אויף די הייליגע ציצית, און אזוי פארקלאצטערהייט כאפ איך מיך א בליק אויף די ארום. דא ממש פארנט פון מיר זיצט ר' יעקב משה אינדורסקי הי"ו מיט ר' הילל ווייס הי"ו און הארעווען דורך דעם דף בבלי און דעם דף ירושלמי. דריי איך מיך אויס זע איך אונטער מיר זיצט ר' זושא פריעדמאן הי"ו מיט ר' אייזיק ראטה הי"ו און לערנען בחברותא דעם דף, און דערנאך שיחות הר"ן.

ר' זושא זעט ווי איך קוק אזוי אויף אים... ער איז נישט סעלפיש ער טיילט גראד מיט "ישראלי דו זעסט וואס דער הייליגער רבי זאגט דא? הער א שיינע שיחה... אה ווי זיס!"

די דאווענען נאכדעם האט געהאט גאר א זיסער טעם! א מחי' אזא געשמאקע שטעטל, אזא זיסע פלאץ, א גן עדן אויף דער וועלט!

איך דריי מיר צוזאמען די רבינו תם תפילין נאכן ענדיגן דעם תיקון הכללי, אין מיין קאפ וועב איך איך שוין די פלענער פארן טאג, אזא טאג?! מ'קען דאך קנאקן שיעורים אזוי ווי ס'דארף צו זיין, איך גיי ענדיגן דעם טאג מיט א פייל ספרים ביזן הימל!

איך גיי מיר אהיימגיין עסן א פיינעם פרישטאג, פרישע ברויט מיט פיינע אייער, גוטע קריספי גרינצייג מיט א קאלטן קאפ אראנדש דשוס, אהה ס'רינט מיר שוין די שפייעכטס...

פארן ארויסגיין פון שול נעם איך שנעל ארויס מיין טעלעפאן נאר כאפן א בליק אויב איך האב נישט פארפאסט עפעס א וויכטיגע פאון קאל...

איך עפן אויף דעם טעלעפאן, און דארט זיצט ער דער מעסעדזש... מעכי פרובירט נאכאמאל זיין מזל אפשר דאך ווילסטו קומען אין תפיסה באזוכן אידישע קינדער וואס שמאכטן נעבעך אוועק ימים ושנים אין פינסטערע תפיסות?

וואס איז די וואך זונטאג טראכט איך שנעל, לעצטע וואך האב איך נישט געקענט ווייל איך האב געדארפט גיין אין אפיס, א וואך פארדעם בין איך ארייגעפארן קיין מאנסי מיט מיין משפחה באזוכן מיין שווער, א וואך פארדעם געדענק איך שוין נישט...

יעדעס מאל ווען מעכי פרעגט, טראכט איך מיט א שולד געפיל, אזא גרויסע מצוה הלוואי קען איך עס טון, הלוואי קען איך אים שוין זאגן יא! הנני...

און די טאג איז אנגעקומען... איך האב שוין נישט קיין תירוצים פארוואס צו זאגן 'אפשר נעקסטע וואך', איך מיין אז דאס מאל גיי איך אים זאגן דעם "יא"...

איך קלינג נאר מיין ווייב מאכן זיכער אז איך קען גיין, איך וועל זיין צוריק 3:30 בעזהשי"ת, מיין ווייב זאגט מיר "אדרבה אזא מצוה! זיכער זאלסטו גיין".

איך ענטפער גראד פאר מעכי אז "יא די וואך קום איך אי"ה". מעכי ענטפערט גראד צוריק "יאלא קום מ'גייט יעצט שוין, ברענג מיט דיין איי די און קום צו מיין קאר".

מיר לאזן זיך ארויס אויפן וועג, מ'מאכט א סטאפ אין ירושלים גאס אויפפיקן ר' דוד ראבינאוויטש הי"ו, ער קומט אריין אין קאר מיט בעגס פון גראסערי, איינגעקויפט צידה לדרך, אלעס פון מעכי'ס ליסט, ראללס טונא, לאקס, קרים טשיז, טאמעטעס, איגערקעס, אביסל נאש פון אלעס גוטן!

מ'פארמער דעם וועג בערך א שעה אוועק, א פיינע פרישטאג האמיר שוין מסדר געווען ב"ה, אט אט קומט מען שוין אן...

"איך גיי גיין צו איינעם" זאגט אונז מעכי "און עטץ וועטס גיין צו א צווייטן..." איך מוז מיט יענעם האבן א פריוואטן שמועס, ער גייט אריבער גאר שווערע צייטן, איך נאר ענק נישט אפ, איך שיק ענק צו איינעם, ער וועט פיין שמועסן מיט ענק, האט נישט קיין מורא, ס'וועט זיין זייער גוט".

איך ווארף מיר בליקן מיט דוד - וואס טו מיר דא? וואס דארף מען זאגן? וואס וועט זיין אויב יעדער וועט זיצן שטיל? אויב ס'וועט זיין אומבאַ'טעמ'ט... מעכי האקט איבער די שטילקייט און זאגט אונז נאכאמאל "זארג נישט דו דארפסט גארנישט רעדן..."

## ישראל דוד העסקעל



יענער זיצט נעבעך איינגעשפארט מיט די פיר ווענט, ער האט נישט מיט קיינעם צו רעדן דו זאג נאר דיין נאמען און דער וועט שוין אנהייבן רעדן, ביז די אויערן וועלן דיר פלאצן, דו וועסט נאר וועלן ער זאל שוין אויפהערן רעדן..

מיר קומען אן צום שרעק אנווארפנדן בנין, מיר גייען ארויס פון קאר און ווענדן אונזערע פוס צום טורמע. מעכי האלט זיינע הענט אין די הייך די גאנצע וועג, צו ווייזן פארן שומר פונעם וואך טורעם אז מיר מיינען נישט קיין שלעכט...

איך דערקען דעם אריינגאנג פון די בילדער אין בלעטל ווען דער ראש ישיבה איז געווען באזוכן אין תפיסה, איך דערמאן זיך די שיעורים און שמועסן נאכדעם ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די מצוה פון גיין באזוכן א איד אין תפיסה!

דער ראש ישיבה האט זיך געגרויסט מיט די חסד אין שטעטל אז אינגעלייט גייען ארום אין די תפיסות באזוכן ארעסטאנטן, אזא גרויסע חסד!

איך גיב אהין פאר דעם שומר מיין איי די, איך פול אויס דעם צעטעלע מיט מיין אינפארמאציע מיט דעם נאמען און נומער פון דעם ארעסטאנט וועמען איך קום באזוכן.

איך האב פרובירט צו זיין א גדול, און אנשטעלן א פנים כאילו איך בין מסודר מיט די מצב, אבער פון אינעווייניג האט מיין הארץ געצאפלט, הענט און פוס האבן זיך מיר געווארפן, טראכטנדיג אז ביז צוויי דריי מינוט גיי איך זיך געפונען אין א פינסטערע פארטונקלטע טורמע, די שמעק און די אלטקייט האט נאר צוגעגעבן צו די אומבאטעמטע אטמאספער...

ער נעמט א בילד פון מיר, יעצט דארף מען דורכגיין דעם סקענער וואס קען אריינקוקן ביז מיינע קישקעס אריין... מעכי וואס איז שוין צוגעוואוינט צו קומען באזוכן אידישע קינדער אין די תפיסות, און קען זיך שוין מיט די טורמע אפיצירן זאגט זיי מיט א שמייכל "קוקט נישט אויף מיין פרישטאג וואס איך האב נארוואס געגעסן..."

אבער מיר האט זיך געווארפן פאר שרעק, איך האב קיין איבריגע ווארט נישט ארויסגערעדט. אלעס איז אדורך בשלום, דער אפיציר ביים טישל רופט מיר צו, ער געבט מיר א ספעציעלן שטעמפל אויף די הענט און זאגט מיר אז איך קען גיין...

די לאנגע טורמע קארידארן האבן אויסגעקוקט פונקט ווי די פאנטאזיעס האבן פארגעזאגט... קאלט און אומבא'טעמ'ט, אלעס געפארבט רויט, גאר מילדע ליכט.

איך קום אן צו א פענסטער, זיצט דארט אן אפיציר און שיינט א ספעציעלע לאמפ אויף מיין הענט צו קענען זען דעם שטעמפל וואס איך האב נארוואס באקומען. "אלעס קלאפט, דו קענסט גיין" זאגט ער מיר "גיי ארויף דעם קארידאר ביזן סוף און דערנאך מאך א רעכטס".

ס'עפענט זיך אויף די שווער באוואכטע גראבע אייזענע גראטעס, און איך טרעף מיר אויפן וועג אריין צו די וויזיטינג אפטיילונג פונעם טורמע.

איך קום אריין אינעם צימער מיט מיין צעטעלע אין האנט וואס זאגט וועלכע ארעסטאנט איך וועל באזוכן, דער שומר קוקט עס איבער און ווייזט מיר צו "זעץ זיך דארט אראפ".

אונטער מיר איז דוד געווען, מיר שפאצירן אדורך מעכי און מיר זען ווי ער פארברענגט געשמאק מיט א אידישער היימישער ארעסטאנט, כאילו זיי זענען גאר אין קאווע צימער פון בית המדרש...

מעכי ווייזט מיר "די ערשטע זאך קויף אים איין עפעס צו עסן, זיי האבן נישט קיין געהעריגע עסן, דא אין טורמע ביי די זייט איז דא ווענדינג מאשינען מיט עפעס

כשר'ע עסן, ס'איז דא דארט אן אויסוואל פון די געפאקטע מיל-מארט עסן, דאס איז פאר זיי ממש ווי סעודת שלמה... ה"י".

איך קויף אים דאס עסן, עפעס א מין טשיקן, איך לייג עס אים אריין אין מייקראעיוו און איך גיי אים אויך איינקויפן עפעס צו טרינקען.

ענדליך זעץ איך זיך שוין אוועק אנטקעגן איבער דעם איד. וואס זאל איך אייך זאגן מעכי האט אונז נישט אויסגענארט, מיר האבן נאר געדארפט זאגן אונזער נאמען, און דער האט שוין אנגעהויבן רעדן אן קיין סטאפ.

ער האט אונז פארציילט אלע זיינע מעשיות וואו ער איז אויפגעוואקסן, און זיינע ביזנעסער וואס ער האט אלס פארמאגט... די ישיבות וואו ער האט אלס געלערנט, די מענטשן מיט וועמען ער האט זיך שוין אנגעטראפן...

די זייגער האט זיך גערוקט מיט א שנעלקייט, בשעת ס'קומט ארויס פון אים נאך א מעשה און נאך א מעשה, ער גיסט זיינע פערל ווערטער, און מיר הערן אים שיין אויס. ביז דער אפיציר געבט א קלאפ אויס "דאס איז עס! וויזיטינג איז פערטיג!"

איך הייב מיר אויף ווי ארויס פון עפעס א חלום, איך געב מיר א קוק ארום דארט אינעם וויזיטינג צימער און ס'ווערט מיר נישט גוט - ס'קוקט ווי א כולל!

רוב ארעסטאנטן דארט אינעם צימער זענען ליידער אידישע קינדער! און די באזוכער זענען אדער וואלונטירן אדער משפחה מיטגלידער! איך נעם אריין דעם סצענע ווי א שאק! איך זע ווי מעכי נעמט ארום דעם איד - וואס ער איז געקומען באזוכן - מיט אזוי פיל ליבשאפט, זיי געזעגענען זיך ווארעם.

אונטער מעכי' שטייט א זיידע מיט די גרינע הויזן און קושט זיין אייניקל "א גוטן טאג", איך האב געמיינט עפעס פאסירט מיט מיר....

"עטץ זענץ פון ברסלב?" פרעגט איינער דארט.

## די לאנגע טורמע קארידארן האבן אויסגעקוקט פונקט ווי די פאנטאזיעס האבן פארגעזאגט... קאלט און אומבא'טעמ'ט.

"יא"..

"שיקט א גריס פאר אייער ראש ישיבה".

דער שומר האט נישט קיין צייט פאר דעם פארברענג, ער טרייבט אונז ארויס פון דארט, און שוין אונז זעמיר שוין אויפן וועג אהיים!

וואס האב ארויסגענומען פון דעם גאנצן באזוך?

דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז מוהרא"ש פלעגט אלץ בעטן מענטשן זאלן גיין אין די שפיטעלער און טון די מצוה פון ביקור חולים, איינמאל מ'קומט ארויס פון שפיטאל באדערט שוין נישט קיין זאכן.... מ'זעט וואס דער מענטש איז!

ביים גיין אין תפיסה קען מען שפירן די זעלבע, דו זעסט מענטשן וואס האבן געפירט ביזנעסער, געווען עשירים שיינע אידן, און גארנישט! זיי זיצן ליידער מיט די גרינע קליידער איינגעשפארט ימים ושנים צווישן די גרעסטע פארברעכער וואס זענען נאר דא, פחד פחדים!

וואס איז די לעבן? מ'דארף אזוי דאנקען דעם אייבערשטן אויף די פרייע לופט וואס מיר קענען אטעמען, מיר קענען סוף טאג אהיימגיין צו אונזער ווייב און קינדער, מיר קענען זוכה זיין צו גיין צופרי אין מקוה, דאווענען אין שול מיט מנין - אה מחי'!

און אוודאי אויב קען מען אריינכאפן די גרויסע מצוה און גיין באזוכן א איד אין תפיסה איז דאס זייער א גרויסע מצוה, אבער נאך א גרויסע טובה טוט מען פאר זיך, די מח ווערט איבערגעמאכט... מ'זעט וואס מיינט אז ס'דא אידן וואס קענען נישט געבן א קוש פאר זייער קינד - א גוטע נאכט! ער קען נישט אהיימקומען עסן נאכטמאל מיט זיין ווייב, מ'הייבט אן אזוי שטארק דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די פשוטע זאכן אין לעבן, וואס סתם אזוי פארגעסט מען צו דאנקן אויף דעם!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א ראש ישיבה וואס איז אונז מחזק עוסק צו זיין אין חסד, טון מצות מיט א צווייטן, און לעבן א עכטע לעבן, געדענקען וואס איז חשוב, וואס בלייבט אויף אייביג. דארט אין תפיסה איז נישט געווען קיין חברים מיט קיין ביזנעס, א מענטש איז איינער אליין, ער האט גארנישט אויף די וועלט. מיר דארפן געדענקן צו האלטן אונזערע פרייהייט, דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט אונז!



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקות הנרות

### סימן רס"ג סעיף ח' ט'

ווי ערוועגט, מיר פסק'נען אז אפילו ווען איינער האט געצינדן, קענען אנדערע אויך צינדן, ווייל וואס מער ליכטיגקייט ס'איז דא אלס מער אז אַ שטערקערע הנאה, און א גרעסערע שמחה.

פון דעם קומט אויס היינטיגע צייטן אז מ'האט לעקטער און אפילו ס'איז שוין אינגאנצן ליכטיג אָן די ליכט, מיט דעם אלעם קען מען צינדן מיט א ברכה, אבער דאס אלעס איז דארט ווי מען עסט. (92)

אבער טאמער מ'עסט נישט דארט, למשל מ'גייט עסן ביי א שמחה, אדער ביי די עלטערן, און מען צינדט אינדערהיים דארט ווי מ'שלאפט, איז נאר דא די טעם כדי שלא יכשל, דעמאלט איז נישט שייך די טעם פון "וואס מער ליכטיגקייט מער הנאה", ממילא מוז מען טון איינע פון די עצות כדי ס'זאל נישט זיין קיין ברכה לבטלה.

**ס"ז)** א] מ'זאל צינדען גרויסע ליכט, כדי ווען מען קומט אהיים זאל נאך ברענען די ליכט, אפילו ס'ברענט איין ליכט איז גענוג. און מ'זאל עפעס עסן ביי די ליכט, אזוי ווערט עס א פלאץ ווי מ'עסט, איז שוין יא דא דאס וואס דער רמ"א זאגט וואס מער ליכטיגקייט מער הנאה. (93)

ב] אז אין די שטוב וואו מ'צינדט איז נישטא קיין לעקטער אנגעצינדן, און איינמאל ס'איז נאכט - דאס הייסט טונקל אפילו פאר זמן ר"ת - האט מען הנאה. (94)

ג] ווען מ'צינדט די ליכט איז די לעקטער אויסגעלאשן, און מ'צינדט אן די לעקטער גראד נאך דעם וואס מ'האט געצינדן און געמאכט די ברכה, אזוי אז די ברכה גייט ארויף אויף ביידע, סיי אויף די ליכט און סיי אויף די לעקטער, און אז מ'טוט אזוי איז אפילו ווען מ'קומט אהיים ברענט שוין נישט די ליכט איז דאס גוט. (95)

ד] אויב מ'האט מקבל שבת געווען דאס הייסט מ'האט זיך נישט אויסגענומען אז מ'איז נאכנישט מקבל שבת! דעמאלטס קען מען טון די עצה אז מען מאכט צו די ווינד"א שעי"ד (פארהאנג) ס'זאל נישט אריינקומען קיין ליכטיגקייט פון אינדרויסן (96) און מ'האט א שטארקע הנאה פון די ליכט, למשל מען זאגט תהלים דארט, אדער אפילו א תפלה וכדומה, אפילו ס'איז נאך ליכטיג אינדרויסן איז גוט.

**ס"ח)** ציורים ומשלים וואס קומען ארויס פון די דינים:

1) טאמער איינער שלאפט אינדערהיים און עסט ערגעץ אנדערש, קען מען צינדן דארט ווי מען עסט, טאמער צינדט מען ווי מ'שלאפט דארף מען צינדען ליכט וואס ברענען ביז מ'קומט אהיים, אדער קען מען טון איינע פון די עצות פון אויבן.

2) ווען עס צינדען אפאר מענטשן..

## מקורות והערות

92) כן התבארו אחרונים את דברי רמ"א - באר משה ח"ב סי' קי"ב חובת הדר בע' נ"א:

93) שו"ת באר משה ח"ח סי' ס"ח, מאורות נתן סי' י"ז פ"ז - שבת בשבתו:

94) דעמאלטס איז גוט ווייל מ'דארף שוין נישט צוקומען צו די ווארט וואס מער ליכטיגקייט אלס מער הנאה, ווייל מ'האט הנאה פון די ליכט זעלבסט.

95) שו"ת אז נדברו ח"ח סי' ב' שו"ת ישועת משה ח"ג סי' כ"ד.

96) מג"א סקי"ז בשם מהרי"ל - וכ' שם ומשתמש שום דבר לאור הנר - משמע לא סתם שנמצאים שם משמע, שצריך הנאה גמורה.

.



# א מעשה
## פון א צדיק

## גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!

אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִי יְשִׁיבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש - בִּשְׁעַת מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ אִיד וָואס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"ש, אוּן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז עֶר אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ רִיזְן תַּלְמִיד חָכָם אַ בָּקִי אִין גַאנְץ שַ"ס, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידִים אַז דִי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְדְרֵייעֶן זֵייעֶר קָאפּ מִיט זַיינֶע שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, לֵיידֶער הָאבְּן זַיינֶע וֶוערְטֶער זֵייעֶר אָפְּגֶעקִילְט דִי תַּלְמִידִים, בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעכַאפְּט הָאט עֶס אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען פַאר זַיינֶע אוֹיגְן וִוי עֶס שְׁפְּרָאצְן אַרוֹיס שֵׁיינֶע בֵּיימֶער, אוּן פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַ וֶוערֶעמְל אוּן שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט.

מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרַיין אִין שְׁמוּעֶס אַז אֵיינֶער וָואס קוּמְט אָפְּרֶעדְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין,

הָאט אֵיינֶער דָארְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי הרה"ק רֶבִּי שְׁלֹמֹה פוּן קַארְלִין זי"ע וָואס וִוי בַּאוואוּסְט אִיז זַיין עֲבוֹדָה גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען מִיטְן גַאנְצֶע כֹּחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעפָאדֶערְט פוּן זַיינֶע חֲסִידִים צוּ שְׁרֵייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיטְן גַאנְצֶע כֹּחַ.

אֵיין טָאג קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַן עֶלְטֶערֶע מְכוּבָּד'דִיגֶע מֶענְטְשׁ מִיט אַ שֵׁיינֶע הַדְרַת פָּנִים, אוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, אוּן אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז בַּיי דִי חֲסִידִים הָאט מֶען אִים זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט, אוּן מֶען הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶעדְרֵייט אַרוּם אִים צוּ הֶערְן זַיינֶע דִיבּוּרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אָבֶער צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דָאס שְׁרֵייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ דַאוֶוענֶען שְׁטִיל מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, אוּן דִי דַאוֶוענֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע צוּרָה, קֵיינֶעם אִיז נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן אַז עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט פַּאסִירְט דָא, וַוייל לְמַעֲשֶׂה דֶער רֶבִּי אִיז אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד, אִיז מוּז זַיין אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דְבָרִים שֶׁל טַעַם.



דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, עֶר אִיז אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם אִיד אוּן אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס מָאל וַוארְף אִיךְ דִיר אַרוֹיס, קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועל אִיךְ דִיר צֶעבְּרֶעכְן דַיין הֶענְט אוּן פִיס".

מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער חָסִיד הָאט גֶעטוּן, הָאט רֶבִּי שְׁלֹמֹה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן: "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן הַיינְט הָאסְטוּ גֶעטוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דַיין שְׂכַר אִיז גָאר גְרוֹיס, וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וָואס אִיז אֶנְק גֶעקוּמֶען קַאלְט מַאכְן פוּן אֶנְקֶער דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעמֶעגְט פַארְטְרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעדַארְפְט מְכַבֵּד זַיין, אָבֶער דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה".

וִוי נָאר מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהֶערְט דֶעם מַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעוָוארְן שְׁטַארְק צוּפְלַאמְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דָאס אִיז הַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוֹת אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר יֶעצְט דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס קִילְט אָפּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, אוּן מֶען קֶען שְׁוֶוערְן מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִין דִי הַאנְט אַז דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין".

**(חיי מוהרא"ש, אות תר"א)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

צ״ה

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

ראֹשׁ הַשָּׁנָה תקס״ג, רֶבִּי נָתָן קוּמְט אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי, בַּיים זָאגְן דִי מִיטְל נַאכְט תּוֹרָה, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט מְבַטֵל צוּ זַיין דִי גְזֵירָה פוּן נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי מִילִיטֶער, אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע גְזֵירוֹת, וָואס מְ'הָאט גֶערוּפְן "פּוּנְקְטְן".

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין דֶעם, סְ'הָאט אִים נָאר זֵייעֶר גֶעכַאפְּט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט״ו, ל״א) אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָוארְט "תָּלִין" אַז סְ'אִיז פוּנֶעם לָשׁוֹן תְּלוּנָה אוּן מְרִיבָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם גֶעזָאגְט אַז וֶוען מְ'הֶערְט קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן צַדִיקִים, אִיז דָאס נָאר אַ מוּסָר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זָאגְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

מִיט דֶעם אִיז פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין שְׁוֶוער דֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד צְבִי זי״ע, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תֵּירוּץ דֶערוֹיף בִּיז יֶעצְט.

זַיין שְׁוֶוער אִיז אִין אָנְהוֹיבּ יָא גֶעפָארְן צוּ חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי״ע, אוּן סְ'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן זַיין וֶועג אוּן זַיינֶע הַנְהָגוֹת, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהֶערְט דָארְט צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִים אַז זֵיי רֶעדְן זֵייעֶר קֶעגְן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער זי״ע, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק פוּן נִיקָלְשְׁבּוּרְג צוּ זֶען וָואס זַיין וֶועג אִיז.

וֶוען עֶר אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער זי״ע, אִיז אִים דָארְט אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין וֶועג אוּן זַיינֶע הַנְהָגוֹת, אָבֶער בַּיי דִי דָארְטִיגֶע חֲסִידִים הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מְ'רֶעדְט אַסַאךְ קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי״ע, דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן, פַארְוָואס אִיז דָא אַזַא גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוּן פִּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן דִי צַדִיקִים, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ גְלוֹיבּ אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, סַיי וָואס עֶר רֶעדְט אוֹיף אִים, אוּן סַיי וָואס יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים", אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי חֲסִידִים, אוּן עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן אוֹיף דִי חֲסִידִים, אַז מְ'זָאל זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן פוּן זֵיי.

זַייט דֶעמָאלְט אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁוֶוער פַאר רֶבִּי נָתָן דִי קַשְׁיָא, פַארְוָואס דַארְף זַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן צַדִיקִים, אוּן יֶעצְט - וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה - אִיז אִים דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, אַז דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז נָאר כְּדֵי צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוער סְ'וִויל נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן

נָאךְ אַ זַאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה, וָואס הָאט שְׁטַארְק גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף הִיטְן דִי מַחְשָׁבוֹת, וַוייל רֶבִּי נָתָן אִיז פוּן נַאטוּר אוֹיס גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער בַּעַל מַחְשָׁבָה, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט מַחְשָׁבוֹת פוּן תּוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר מְבַלְבֵּל וֶוערְן פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

**וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט נָאךְ ראֹשׁ הַשָּׁנָה?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה**

# געדאנקען

## א ברכה פון הייליגן
# בעלזער רב זכותו יגן עלינו

ס'איז געווען דעם צווייטן טאג סוכות, נאכ'ן דאווענען, איז געווען די קידוש אין די סוכה, און דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט. מ'האט גערעדט אז היינט איז א וועלט וואו אלע זוכן רפואות אויף גייסטישע פראבלעמען, מענטשן ליידן פון פחדים, שרעק, נערוועזקייט, אומרואיגקייט, צובראכנקייט, אבער גארנישט העלפט נישט נאר זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן

נאך די דרשה געבט מיר איינער א מורמל אין אויער אז ער ארבעט אין א גרויסן אפיס און רוב מענטשן דארט געבן אויס האלב פון זייער געהאלט אויף זיך איינצושלעפן מיט פארשידענע מיני שארפע אומלעגאלע און האלב לעגאלע איינשלעף מיטלען צו פארגעסן פון זייערע דרוקענישן אויפ'ן מח, און צו אנטלויפן פון די בעיסיק הומאניטארישע ריספאנסיביליטיס.

ווען דער ראש ישיבה איז ארויס פון די סוכה און געגריסט דעם עולם גוט שבת, האב איך דערציילט פאר דעם ראש ישיבה אז מיר האבן געמאכט נעכטן נאכט אינדערהיים שיינע שמועסן פון וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט בנוגע זיך אפשערן די האר ביי פרויען, און די ביטערע הארבע מכשולות וואס איז געבינדן מיט נישט אפשערן די האר, און די אויבער-חכמים וואס פאקן בקיאות אין דברי חז"ל און פרעגן קושיות אויף די הייליגע צדיקים וואס האבן געהייסן זיך אפשערן (אזוי ווי די צדיקים האבן נישט געוואוסט וואס דער דענדראף'דיגער אויבער-חכם האט אקארשט אויסגעפינען קייענדיג די דעלקעלעך אין יארצייט פון די ראש השולשלת), אזוי שמועסנדיג אין דעם ענין, אז די גאנצע זאך וואס אידישקייט גייט אן איז א דאנק די צדיקים וואס זענען געווען ללעג ולקלס אויפשטעלנדיג אידישקייט מיט מסירת נפש אונטער א פלייץ פון בזיונות, האט דער ראש ישיבה דערמאנט די באקאנטע שמועס וואס דער סאטמאר רבי האט גערעדט מיט הג"ר ישראל אברהם שטיין האדמו"ר מ'פאלטיטשאן זכר צדיק לברכה פון בענסנהוירסט.

די שמועס איז פארגעקומען בשנת תשי"ד ביים ברית פון א זון פון האדמו"ר מ'מוזשאי זצ"ל. דער שמועס איז געווארן אראפגעשריבן בשעתו דורך הרה"ח מו"ה שמואל אבערלאנדער ע"ה און איז שוין ערשינען מערערע מאל על מכבש הדפוס.

די מעשה איז געווען אז דער פאלטיטשאנער רב האט מוחה געווען דארט אין בענסענהוירסט אויף דעם אמעריקאנעם מנהג אז מ'מאכט נישט קיין סוכה פאר זיך, נאר די שול האט א סוכה, און דארט מאכט מען קידוש די ערשטע נאכט און מ'עסט א שטיקל חלה, און מיט דעם האבן זיי אפגע'פטר'ט דעם גאנצן יום טוב סוכות, אזוי ווי דער פאלטיטשאנער רב האט מוחה געווען דעם ערשטן טאג יום טוב אינדערפרי אויף דעם זלזול אין מצות סוכה, זאגט אים דער ראש הקהל, רב לעבן! דא וועט איר נישט אריינברענגען קיין סאטמארע מנהגים!

האט דער פאלטיטשאנער רב געזאגט אז דאס האט אים מעורר געווען זיך מדבק צו זיין צו רביה"ק מ'סאטמאר, פריער איז ער נישט געווען צו באקאנט מיט סאטמאר ווייל ער איז געבוירן און אויפגעוואקסן אין רוסלאנד, נאר יעצט האט ער פארשטאנען פון דעם פרעכן עזות פנים אז ווער עס וויל לעבן א תורה'דיג לעבן און ניצול ווערן פון די מים הזידונים וואס בוזשעוועט אין גאס זאל זיך מדבק זיין צום סאטמאר'ן רבי'ן, וואס איז געווארן אראפגעשיקט פון הימל צו ראטעווען דעם דור פון גיין לטמיון רחמנא ליצלן.

האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: דאס אז יעדער יחיד זאל מאכן א סוכה, דאס איז די שווערע הארעוואניע און עזות דקדושה פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר! מעג דער און יענער זאגן וואס ער וויל! (דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט צוויי ווערטער אנרופנדיג די וועלכע ווילן דאס נישט מודה זיין) פאקט בלייבט פאקט!



דער הייליגער בעלזער רב זכותו יגן עלינו

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די ערשטע מאל וואס מ'האט צונויף געשטעלט אפיציעל צו מאכן א מקוה אלץ חלק פון א שול איז געווען די סאטמארע בית המדרש (די אלטע בית המדרש הנקרא "נעפ מענשן" וואס איז געווען אויף 550 בעדפארד עוועניו). מיט דעם האט דער רבי געהאלפן אויספירן דאס וואס אונזערע פריערדיגע צדיקים

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

האבן געפייערט און געמאנט און געפאדערט אז דאס גיין אין מקוה יעדן טאג זאל זיין א דרך כבושה לרבים, א איינגעפירטע זאך ביי יעדן איד וואס וויל האבן א פלאקערדיגע הארץ פאר'ן אייבערשטן. און אזוי ווי דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: "ווער עס גייט יעדן טאג אין מקוה, ווערט האבן א תקוה, ווערט האבן א האפענונג צו פאררעכטן וואס ער דארף פאררעכטן".

אז מ'רעדט שוין פון לעבן מיט צדיקים, מוז מען דערציילן די זיסע מעשה וואס איז פארגעקומען ביי הרה"ק מ'בעלזא זכותו יגן עלינו בשנת תש"ד זייענדיג אין פעסט אויפ'ן וועג צו אנטלויפן קיין ארץ ישראל נאכ'ן פארלירן אין קריג זיין גאנצע משפחה קינדער און אייניקלעך (איין און פערציג נפשות!!!!! א גאנצע משפחה אויסגעריסן!!). פון אלע עק אונגארן איז מען געקומען צום בעלזער רב זי"ע און געוויינט ער זאל אנוואונטשן מ'זאל איבערלעבן די קריג.

די אכסניא פון בעלזער רב איז געווען שווער באלאגערט פון די שווערע מאסן מענטשן וואס האבן געוואלט א ברכה פון דעם הייליגן צדיק. דארט אין א זייט איז געשטאנען משפחת אבערלאנדער און געוואלט א ברכה, מרת אבערלאנדער (די מאמע פון הר"ר שמואל הנ"ל) איז געווען א קלוגע פרוי, זי געבט זיך א רוף אן הויך: "דער רבי זאל אנוואונטשן גוטע שידוכים פאר מיינע קינדער" (מיט איר חכמה האט זי גערעכנט אז מיט די ברכה ווערט זי שוין פארדינען ביידע, סיי גוטע שידוכים, און סיי אז זיי וועלן איבערלעבן די קריג) דער בעלזער רב געבט א באמערק ווי עטליכע אידן דארט האבן זיך אונטערגעשמייכלט אז זי רעדט פון שידוכים ווען די גאנצע לעבן הענגט קוים אויף א האר, קיינער ווייסט נישט מי יחיה ומי ימות, אבער דעם בעלזער רב האט געשטערט אז מ'שמייכלט זיך אונטער, רופט ער זיך אן הויך: "וואס שמייכלט מען?! זי איז גערעכט!" און ער האט איר געוואונטשן זיין הארציגע ברכה.

איבעריג צו זאגן אז די משפחה האט איבערגעלעבט די קריג באופן פלא! טאטע מאמע און צען געשוויסטער!!! וואס ווייניג משפחות האבן זוכה געווען צו דעם! דאס איז די חשוב'ע משפחה פון הרה"ח המפורסם מו"ה אליעזר אבערלאנדער ז"ל חתן הרה"ח מו"ה דוד אויש זכרונו לברכה וואס זיין ווייב איז געווען די שוועסטער פון ערוגת הבושם זכותו יגן עלינו.

ר' דוד אויש האט געהאט א זון ר' עמרם, וואס זיין איידעם איז געווען הר"ר חיים מענדל כהן ז"ל דער שווער פון הגאב"ד ד'קארלסבורג זכר צדיק לברכה, דער ראש ישיבה'ס זיידע.

ר' דוד אויש האט געהאט אן איידעם מוהר"ר יששכר וועבער ז"ל (המכונה בערמאן) אבי זקיני הרה"ג מו"ה יודל וועבער זכרונו לברכה, זעמיר שוין אויך קרובי משפחה מיטן ראש ישיבה שליט"א...

מיין זון ר' יוסף איז צוויי מאל אן אייניקל פון ר' דוד אויש, ווייל זיין עלטער זיידע מו"ה אברהם שלום עפשטיין ע"ה איז געווען א איידעם פון ר' שלמה זלמן קראקויער ע"ה וואס איז געווען א איידעם פון ר' דוד אויש.

איז ער שוין צוויי מאל אן אייניקל פון ר' יהודה קראקויער, ווייל אונזער זיידע הרה"ג ר' יודל וועבער איז געווען א איידעם פון מוהר"ר ישראל יוסף קראקויער ז"ל, א זון פון ר' יהודה קראקויער.

נאכנישט פארטיג! ר' יוסף איז א דריטע מאל א אייניקל פון ר' יהודה קראקויער ווייל זיין עלטער זיידע הרה"ג מו"ה שלמה גבריאל פליישמאן זכרונו לברכה איז געווען א זון פון ר' יעקב קאפל פליישמאן, וואס איז געווען א איידעם פון ר' יהודה קראקויער ז"ל.

דאס מיינט צו זאגן אז די דריי חשוב'ע אידן הרה"ג מו"ה יודל וועבער ז"ל און הרה"ח מו"ה שלמה גבריאל פליישמאן ז"ל און הרה"ח מו"ה אברהם שלום עפשטיין ז"ל, זענען געווען ערשטע קאזינס. איינמאל האב איך געזען ווי הרה"ח מו"ה שלמה גבריאל האט זיך געטראפן מיט מיין באבע עליה השלום, ביי די חתונה פון מיין זון ר' יוסף, מגיד שיעור בישיבה היכל הקודש, קרית ברסלב, ליבערטי ניו יארק, מיט זיין געשמאקן טעם זקנים האט ר' שלמה גבריאל זייער משמח געווען, ער האט געדרייט מיט'ן שטעקן אהער און אהין ארויף און אראפ, ס'איז געווען זייער פריילעך דארט, אזוי ווי זיין שטייגער אלעמאל.

אגב, ר' יוסף'ס חתונה איז געווען אין קרית יואל, אין זאל פון כנור דוד, עד היום בין איך מכיר טוב וואס זיי האבן אונז געמאכט אזויפיל גרינגער די הוצאות החתונה, זיי האבן דעמאלטס געבעטן זעקס טויזנט פאר די ליל החתונה, דאס הייסט דריי טויזנט פאר יעדע צד. מיר האבן זיי געבעטן אויב זיי קענען מאכן נאך אביסל גרינגער און אראפנעמען וואס מיר מוזן נישט האבן, זיי האבן אראפגענומען דעם בדחן און נאך זאכן און מיר האבן זיך געשפארט נאך און נאך, ישלם השם פעלם ותהי' משכורתם שלימה מעם השם..

ברוך השם אז די בדחן'לאזע פארפעלקער זענען בכלל נישט אונטערשטעליג אין לעבן אלע רעזולטאט פון נישט הערן א געמאכטע באשטעלטע אומארגינעלע גריצלענדע הייזעריגע off tune באשטעטיגונג אז דער דריטער קאזין פון די מומע'ס קעצעלע'ס זייט שטייט אויף פונקטליך פינעווע יעדן פארטאגס און איז בקי בש"ס ופוסקים מיט אלע ראשונים און אלע אחרונים, און ער אנטלויפט פון כבוד אווי פון פייער!

פון די מעשה פון בעלזער רב זעט מען אז ווער עס גייט מיט א צדיק זעט אפענע נסים!!!!




Deadline to advertise Sunday 12:00 PM

# קלאסיפיידס




**קאזי קאזי קאסמעטיקס**

אוי באשעפער! געענדיגט מיט די היסן, ס׳צייט צו טון עפעס אויף למעשה רופט אונז שוין פאר אונזער בארימטע טריפל C קרים.

100% גאראנטירט.

נ.ב. פרעגט זיך נאך ביי אונז אויף אונזער פילע אנדערע פראדוקטן וואס היילן מיטן אייבערשטנס הילף, marse, dayskin, womens health און נאך...

משפחת יחזקאל סאמעט: 347-452-1936 מרת סאמעט: 845-545-8478

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו״ה שלמה וויינבערגער הי״ו**
**וזוגתו רחל תחי׳**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל און קענען מחנך זיין די קינדער אויפן רבינ׳ס וועג.

For all your software-related needs - set up, automate, maximize.

Contact Moishy Ekstein 845-428-2782

**Babysitting**

Steady Babysitting.
Drop off.
Overnight.

S. Rabinowitz
**347-885-4205**

פאר די

# ברסלב"ע

שטוב

# א אידישע שטוב!

## וואס מאכט עס?

27

**מחשבה:**
וואס איז
מיין ציל?

**א שיעור**
**אין גראמען:**
געדולד?
געדולד!
געדולד...

**הער א מעשה:**
הער מיין מעשה
פון תפילה וואס איך
האב געהאט



# מחשבה



# וואס איז מיין ציל?

ע. טראכטער

זייענדיג א קינד פון זעכצן יאר האב איך גענומען א קורס אין פאטאגראפיע. איך האב זייער געוואלט וויסן די כללים פון נעמען גוטע בילדער.

איינע פון די הויפט יסודות וואס מען האט אונז אויסגעלערנט איז וויאזוי צו האלטן די ריכטיגע "פאקוס." די לערערין האט אונז אויסגעלערנט אז אין יעדע בילד איז דא אן עיקר און א טפל, און א גוטע פאטאגראפירער ווייסט דאס אויסצורעכענען, און אויב האלט זי די ציל פאר די אויגן, קומט ארויס א געלונגענע בילד.

צום ביישפיל, אויב מען וויל מאכן א בילד פון א קינד וועלכע איז אין א גארטן, דארף מען געדענקען אז דאס קינד איז דער עיקר און די גארטן איז די צושפייז, ממילא וועט מען אנשטעלן די "סעטינגס" פון די קאמערע ארויסצוברענגען די שענסטע קאלירן פון דאס קינד.

אויב איז עס א בילד פון א ציבור, וועט מען זיך נישט קאנצעטרירן אויף איין יחיד, נאר וויסן אז דא איז דער ציבור דער עיקר, און לויט דעם אנשטעלן די קאמערע.

מיר האבן אסאך גע'חזר'ט דעם כלל, ווייל דאס איז איינע פון די הויפט כללים אין פאטאגראפיע. אייגנטליך... אין לעבן בכלל.

איך בין לעצטנס געזעצן ביי א משפחה שמחה נעבן א משפחה מיטגליד וואס איז א שטיקל מומחה אין תורת הנפש. זי האט אונז מסביר געווען וואס זי זאגט כסדר פאר אירע קליענטן. זי זאגט אז יעדע מענטש האט געוויסע צילן אין לעבן, וואס דאס איז זיי זייער וויכטיג, און כדי צו ערייכן דעם ציל וועלן זיי אויפבויען ארום זיך א "ביליעף סיסטעם." אין מאמע לשון: שיטות און דעות.

צום ביישפיל, איינע פון די צוהערער האבן מודה געווען אז איינע פון אירע הויפט פריאריטעטן אין לעבן איז אז זי זאל שפירן ווי זי האט א "סופארט סיסטעם." זי האט מענטשן ארום זיך פון וועמען זי קען שעפן חיזוק, אויף וועמען זיך קען זיך פארלאזן (אל תבטחו בנדיבים??) און אויך אז זי זאל קענען זיין א אנלאנער פאר די מענטשן ארום זיך. דערפאר בויעט זי אויף א ביליעף סיסטעם אז עס איז גאר וויכטיג צו... גיין אין קאנטרי - ווייל מען בויעט זיך חברותא, גיין צו שמחות - מען מאכט פריינט, צו מחזק זיין די קינדער אין די וויכטיגקייט פון א נאנטע חבר'טע (איז דא אזא זאך ווי א חבר? מוהרא"ש זאגט אז אויב א חבר איז דאס מאן און ווייב, און אויב איז ווערד פאר איינעם מיטצוטיילן פריוואטע זאכן איז דאס נאר פאר אן ערליכער איד וואס וועט דיר קיינמאל נישט פארראטן).

א צווייטע האט געזאגט אז זי איז מודה אז איר ציל איז צו זיין אנגענומען צווישן מענטשן. דערפאר האלט זי אז, מה יאמרו הבריאות - פעיר פרעשור - איז זייער געזונט, און אייגנטליך איז עס א חלק פון אידישקייט, ווייל אז מען טראכט וואס אנדערע טראכטן דאן וועט מען נישט אפלאזן אידישקייט... פרעגט מיר נישט פונקטליך וויאזוי דאס ארבעט, איך האב עס נישט אדורכגעטון בעיון.

דערפאר איז א שיינע זאך צו צאלן טייער געלט פאר אידישע שמחות און אפילו אליעזר האט אויך געטראגן טייערע צירונגען פאר רבקה, וואו דען זאל מען ספענדן אויב נישט אויף א אידישע שמחה? (בעיקר איך בין גלייך מיט "אלע").

איך האב זיך געהאלטן שטיל און געקלערט צו זיך "וואס איז מיין ציל? מיין מעין גאויל? וואס איז מיין פאקוס?"

די ענטפער האט נישט געשפעטיגט צו קומען, "שכח אייבערשטער אז איך לעב מיט א צדיק וואס לערנט מיר אז די איינציגסטע ציל אין לעבן איז צו טון רצון ה' און נאר אים צו געפעלן."

און יא, איך בין מודה צו די טערעפיסט אז איך בוי אויך א "ביליעף סיסטעם" ארום דעם. איך האב אויך שיטות און דעות, נישט מיין אייגענע, נאר דאס וואס דער צדיק לערנט מיר.

איך ווייס אז כדאי צו צוקומען צו מיין ציל, מוז איך יעדן טאג רעדן צום אייבערשטן, תשובה טון, לעבן שיין מיט מיין מאן, מכבד זיין מיינע עלטערן, נישט אויסגעבן אומזיסטע אידיש געלט פאר הבלי עולם הזה.

איך מוז לעבן מיט חשבון הנפש און זיין היינט בעסער ווי נעכטן. איך קען נישט לעבן מיט ליצנות, און איך מוז האבן א מורה דרך אין לעבן וואס לערנט מיר און ווייזט מיר דעם אמת'ן וועג אנצוקומען צו מיין עיקר ציל.

דער רבי שרייבט אין ליקוטי מוהר"ן אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר זיין כבוד. דערפאר זעען מיר אז די שורש פון יעדע מענטש איז כבוד. פון ווען א קינד הייבט אן האבן אביסל שכל, וויל ער כבוד -

אטענטשן - ער וויל מען זאל קוקן אויף אים. און גרויסע מענטשן זענען נישט אנדערש. די גאנצע וועזן דרייט זיך ארום וואס יענער זאגט. זאגט דער הייליגער רבי אז די עבודה איז אויסצודרייען די כבוד וואס מיר ווילן פאר זיך, און גליסטן נאר צו די כבוד פון אייבערשטן.

דאס איז מען זוכה דורך תפילה צו קענען בענקען צום אייבערשטן. דער ראש ישיבה דערציילט צומאל די מעשה אז איידער דער בעל שם טוב'ס נשמה איז אראפגעקומען אויף די וועלט, האט די נשמה נישט געוואלט אראפקומען, זעענדיג די גרויס התנגדות וואס וועט זיין אויף איר. האט זיך די נשמה פונעם בעל שם הקדוש אויסגענומען אז זי איז נאר מסכים אראפצוקומען אויב זי וועט אלעמאל האבן ארום זיך 60 צדיקים, בעלי רוח הקודש - ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל.

איינע פון די 60 הייליגע לייט, זענען געווען אדל - די טאכטער פון בעל שם טוב. די תלמידים האבן זיך געוואונדערט, "רבי, א פרוי? וואו קומט צו איר אזעלכע מדריגות?" האט זיי דער בעל שם הקדוש מגלה געווען אז אדל האט עפעס וואס זיי האבן נישט. אדל, די צדיקות, גייט ארום א גאנצן טאג מיט א הארץ וואס בענקט צום אייבערשטן.

דאס איז עפעס וואס איך און דו קענען נאכמאכן. מיר קענען אויך מאכן א תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין צו בענקען צום באשעפער, גליסטן צו שפירן די זיסקייט פון באשעפער.

אז דאס איז דער ציל, און מען האלט א פאקוס, געדענקט מען וואס איז דער עיקר און וואס איז דער טפל. יא, אוודאי דארף די שטוב קלאפן, און יא, די קינדער דארפן אויסזען אנגעטון און צאמגענומען.

יא, מען דארף שיינע קליידער און א באקוועמע הויז. יא, מען דארף צומאל זיך פארן אפרוען. יא, מען דארף אסאך זאכן אין לעבן, אבער וואס איז די עיקר און וואס איז דער טפל?

איך האב אמאל געמאכט א ווערטל פאר מיינע תלמידות, "דער וועלט איז א שרעקעדיגע פלאץ. קיינער קומט נישט ארויס לעבעדיג." איין תלמידה האט זיך זייער דערשראקן און פארשטאפט אירע אויערן אין פראטעסט, און מוחה געווען "חס ושלום, חס ושלום, חס ושלום..." איך האב איר בארואיגט "אלע פון אונז, איך און דו.. נאכנישט יעצט, ווען דער אייבערשטער וועט אונז רופן."

מענטשן האבן מורא צו טראכטן פון אמת און תכלית, ווייל דאס איז אפשר נישט אויף זייער ליסטע פון פריאריטעטן. אבער דער רבי וועקט אונז כסדר אויף פון שלאף און דערמאנט אונז וואס איז תכלית, וואס איז אמת. דער אמת איז אז איין טאג גייען מיר אהיים, איין טאג ווילן מיר אלע ליגן מיט די פיס צום טיר, און דאן וועט נאר צוניץ קומען דאס וואס מיר האבן אריינגעכאפט אויף די וועלט.

דער ראש ישיבה זאגט, "דאס וואס מען טוט פאר זיך - עולם הזה - דאס לאזט מען דא, וואס מען טוט פאר יענעם, דאס נעמט מען מיט."

איך האב געזען א טייער ווארט, "יעדער שטארבט, אבער נישט יעדער לעבט."

ברוך השם אז מען איז זוכה צו לעבן מיט א מורה דרך, א צדיק וואס וועקט אונז אויף און לאזט אונז נישט איינשלאפן אינעם עולם התוהו, וואס לאזט אונז נישט לעבן מיט'ן דמיון אז מיר זענען דא פאר אייביג, אדער על כל פנים פאר א לאנגע צייט.

דאס לעבן לויפט אריבער. יעצט איז די צייט אנצוגרייטן אייביגע עסן און אייביגע קליידער. אביסל תפילה, חסד, מצוות, מעשים טובים, א שמייכל פאר מיין מאן, פאר מיינע קינדער, אביסלע סבלנות, ותרנות און התבודדות. נאר דאס קומט מיט.

דער רבי זאגט אונז אז אויבן אין הימל זענען דא נשמות וואס ווייגען נאך אביסל עסן און טרינקען, די מלאכים ברענגען זיי אלע סארט עסן און טרינקען, אבער זיי שטופן עס אוועק און זאגן "נישט דאס דארפן מיר. מיר דארפן קאפיטלעך תהלים, און משניות. בעטן זיי ווייטער, "מיר דארפן קליידער." ברענגט מען זיי קליידער , אבער זיי זאגן "נישט דאס מיינען מיר, מיר ווילן מצוות און מעשים טובים." אבער צו די גרויס ווייטאג פון די ארומיגע קען מען עס זיי נישט געבן, ווייל אט די שפייז און קליידער קען מען נישט געבן אויבן, דאס קען מען נאר האבן אויב מען נעמט זיך עס מיט פון דא.

יעצט זענען מיר דא, און היינט קענען מיר עס נאך אנגרייטן. מיר האבן נאך היינט די זכות פון אנפאקן די פריזער (די אייביגע פריזער) מיט שפייז פאר יענע וועלט, וואס וועט אונז ביישטיין לנצח.

ווען איך ליין צומאל א ביאגראפיע פון נשים צדקניות, פרויען וואס האבן אריינגעכאפט אויף די וועלט מער ווי צען אנדערע, ווער איך צומאל אביסל מייאוש, צו קען איך דען אויך? צו איז דאס דען פאר מיר?

אבער אז דו וועסט אריינקוקן טיפער אין אט די אלע לעבנסגעשיכטעס פון מענטשן וואס האבן אויפגעטון אזויפיל דא, וועסטו באמערקן אן אינטערעסאנטע זאך, די גרויסקייט פון די לייט איז צוזאמגעשטעלט פון צענדליגער און טויזנטער קליינינקייטן. א אפענע טיר פאר א שכן, א גוט ווארט פאר א שוועסטער, אינזין האבן אן איינזאמער מענטש מיט אביסל זופ וואס דו מאכסט סייווי, אן אפענע אויער... די קונץ זייערע איז דאס אז זיי האבן געהאלטן די ציל פאר די אויגן, און אזוי האבן זיי געקענט כסדר אריינכאפן נאך און נאך און נאך. ווייל וואס עס איז דיר זייער וויכטיג, דאס עררייכט מען. און מיר ווייסן שוין די כלל פון חז"ל הבא לטהר מסייעין אותו - אז א מענטש וויל זיין גוט העלפט מען אים צו פון הימל. דער אייבערשטער איז אונז מזכה. מיר דארפן נאר איין זאך טון - ווילן(אדער ווילן-ווילן).

דאס איז די עיקר פאקוס אויף וואס מען דארף אנשטעלן די קאמערע. דאס איז די עיקר אויף וואס מען דארף אנשטעלן די סעטינג, אויף נצחיות, אויף אמת, אויף גוטע רצונות. דערנאך קען מען אויסשטעלן אז אלעס זאל שטימען מיט'ן ציל. ווילאנג מען האלט די ציל פאר די אויגן, קען מען ערווארטן א שיינע בילד.

איך האב לעצטנס אויפגעהאנגען א צעטל אין קאך, מיין ציל: לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו. מיין ביליעף סיסטעם: אין שום יאוש.... תפילה און סבלנות איז די שליסל אין לעבן... א לעבן אן א צדיק איז קיין לעבן... וואס קען איך "יעצט" טון צו שאפן א נחת רוח פאר השי"ת... איך הייב אן פון יעצט... מצוה גדולה להיות בשמחה... איך בין זיך מחי' מיט'ן שלא עשנו גוי... ועוד ועוד...

איך בעט צום אייבערשטן איך זאל דאס קיינמאל נישט פארגעסן.

# הער א מעשה

## ג. אפפעל
קרית ברסלב

מיין אינגל'ס הויזן האט באקומען לעכער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן נייע הויזן פאר מיין זון.

איך בין ארייגעגאנגען אין באזאר צו זען אויב דארט איז דא א הויזן פאר מיין זון, און ברוך השם איך האב געטראפן דארט א נייע הויזן, ממש די סייז וואס איך האב געדארפט.

## א פרוי פון
ארץ ישראל

איך האב געהאט א שטיקל הויט אויף די פינגער פון מיין האנט, עס איז געקומען בלוט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין, איך האב געפרעגט איינעם אויב זי ווייסט וואס דאס איז און וואס מ'קען טון, האט זי געזאגט אז זי האט דאס אויך געהאט און זי האט פשוט געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין. האב איך אויך אזוי געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין, נאר דער אייבערשטער קען מיר העלפן. שכח אייבערשטער עס איז אוועקגעגאנגען.

אויפגעשריבן אז ס'איז עפעס צובראכן.

גלייך האב איך אנגעהויבן מאכן תפילות צו קענען האבן די וועש טריקן. מיר האבן גערופן א בעל מלאכה, אבער ביז מיר האבן געטראפן איינעם האט גענומען צייט. דערווייל האב איך אנגעיאגט צו וואשן אלע וועש ב"ה, און מ'האט אויסגעשפרייט וועש אינעם גאנצן הויז, אזוי אז מ'זאל נישט קענען פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן פאר א דרייער.

צום סוף איז ער אנגעקומען, ער האט געארבעט און געשוויצט, און ב"ה ס'ארבעט! קומענדיגע וואך הייב איך אן וואשן וועש, אבער נאכאמאל הערט עס אויף ארבעטן.

מ'רופט צוריק דעם בעל מלאכה, און ביז ער איז אוועלעביעל צו קומען, וואס איך שוין איין לאוד נאכן צווייטן, און ווידער שפרייט מען וועש אינעם גאנצן הויז, וואו מ'קען נאר טרעפן א בענקל אדער א טשוואק.

דערווייל בעט איך אסאך דעם אייבערשטן אז די צובראכענע מאשין זאל זיין א כפרה אויף אלעס וואס מ'דארף אפקומען. די קינדער זאלן זיין געזונט א גאנץ ווינטער, און די קראנקע מאשין זאל זיין אנשטאט די קרענק און שוואכקייט ביי די קינדער.

סוף וואך נאכן ענדיגן אלע וועש אויסשפרייטן קומט אן דער בעל מלאכה. נאכן פרובירן אהין און אהער לאזט ער וויסן אז מ'דארף קויפן א נייע.

נאך איין וואך איז אריבער פון שפרייטן וועש און דער אייבערשטער האט געהאלפן איך האב באקומען א נייע דרייער און געזונטע קינדער, שכח אייבערשטער.

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

אסרו חג, זונטאג נאך א לאנגע סוכות און שמחת תורה, און שבת וועט די בערג וועש גיסן זיך איבער, האב איך זיך גענומען צו די ארבעט ארייגלייגן אין וואש מאשין איין לאוד נאכן אנדערע. אבער ווען איך האב אריינגעלייגט די ערשטע לאוד אין דרייער האט עס געגעבן א פייף און זיך

## מ. וועבערמאן
קרית ברסלב

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אפאר יאר אז מיין ניעס זאל ווערן א כלה.

ברוך השם יעצט איז אנגעקומען די מינוט ווען די תפילות זענען געווארן צוגעהערט, און זי איז ברוך השם א כלה געווארן בשעה טובה ומצלחת.



ג. פעקעטע

## ווער מאכט

# די ווייב?!

ג יטי האט חתונה געהאט ערב ימים טובים. מיטל חודש חשון קומט זי אריין צו איר שוועסטער פערי אין שטוב, און זי קוקט זיך אום. אירע אויגן עפענען זיך גרויס, און זי פרעגט מיט א ווייטאג אין איר שטימע: "פארוואס פערי איז דיין הויז אזוי שטארק א היים, און ביי מיר, מיין נייע ברענד ניו אפארטמענט, הערליך שיין אויסשטאפירט, מיט א שיינע טיש און בענקל, א באקוועמע קאוטש, פרישע האנטוכער, גרויסע ברייטע פענסטערס, פארוואס ביי מיר אינדערהיים איז אלעס אזוי קאלט און אזוי פרעמד, און דא, ווען איך קום אריין אין דיין אלטע דירה וואס האט שוין געדינט יארן פאר משפחות מיט קינדער, פיל איך ווי דאס איז אזוי ווארעם, עס האט אזוי שטארק א שפיר פון א אידישע שטוב. וואס טו איך ראנג ביי מיר אינדערהיים, אז איך קען נישט האבן די ווארעמע טעם, די ווארעמע שפיר, די ווארעמע געשמאקע ווייב, וואס איך שפיר ווען איך קום אריין צו דיר אינדערהיים?"

פערי עפנט אויף איר מויל צו וועלן ענטפערן און מסביר זיין פאר גיטי וואס די חילוק איז. אבער נאך איידער פערי קען קומען צום ווארט, האט גיטי ווייטער אנגעהויבן זאגן: "איך האב שוין אלעס פרובירט, עס איז שוין א היבשע פאר וואכן פון מיין חתונה, און איך קען נישט באקומען די ווארעמע, איינגענעמע, געשמאקע ווייב ווען איך קום אריין ביי מיר אינדערהיים. איך בין שוין געגאנגען צו די טייערע גיפט שאפ, און געקויפט די נייעסטע מינע דיפיוזער, וואס זאל אריינברענגען א פיינע שמעק פון לעווינדער ביי מיך אינדערהיים, אבער עס האט מיר נאר געמאכט שפירן נאושעס. דערנאך בין איך געגאנגען צו א דאלער סטאר, און פראבירט צו קויפן א סענטעד קענדל - א לעכט מיט א גוטע שמעק. דאס מאל האב איך געקויפט א גערוך פון וואנילע, אבער ווידער האט עס מיר נאר געמאכט שפירן ווי איך בין אין איינע פון די געשעפטן וואס פארקויפן אלע מינע טשאטשקעס פאר דער היים. נאכדעם - זאגט גיטי ווייטער - בין איך שוין געגאנגען צו די האום סטאר און דארט האב איך

א מעשה אויף למעשה

געקויפט א קאזי דעק צו לייגן אויף מיין קאוטש עס זאל באקומען אזא ווארעמע לוק, א קאזי אויסקוק, אבער עס האט זיך נאר געהאלטן אין איין וואלגערן אויף דער ערד, האב איך שוין דאס אויך באזייטיגט, און נאכאלץ קען איך נישט שפירן די ווארעמע געפיל ביי מיר אין מיין נייע הויז, איך וויל עס אזוי שטארק האבן. ווי אזוי האסטו די ווארעמע, געשמאקע היימישע שפיר, דא ביי דיר אין שטוב?"



יעצט האט שוין פערי געהאט א גרויסע שמייכל אויף איר פנים, און זי הייבט אן זאגן: "גיטי, לאמיך דיר מסביר זיין וואס א אידישע שטוב איז. א אידישע שטוב איז נישט די מעבל, א אידישע שטוב איז נישט די בעט געוואנט, א אידישע שטוב איז אויך נישט די ספרים שאנק".

"איז וואס דען" - שרייט גיטי ארויין - "איך בין אפילו געגאנגען צו נאך א געשעפט, איך האב פרובירט צו קויפן אזעלכע שיינע טאוולען אויפצוהענגען אויף די ווענט מיט זיסע ווערטלעך און בילדער דערויף, צו מאכן מיין הויז שפירן מער ווי א היים".

"ניין - ענטפערט איר פערי - הער מיר אויס, א שטוב קען נאר ווערן אזוי ווארעם, אזוי איינגענעם, און אזוי געשמאק, דורך די אידישע פרוי".

"אוודאי - זאגט גיטי צוריק - דאס אלעס טו איך, איך בין די אידישע פרוי, און איך פרוביר".

פערי האט זיך צולאכט אויפן קול: "לאמיך ענדיגן אויסרעדן ביזן סוף, וועסטו פארשטיין וואס איז א אידישע שטוב. די עקרת הבית, די פרוי פון די שטוב, איז די עיקר פון די הויז, לויט ווי אזוי די פרוי מאכט די 'ווייב' אין די הויז, אזוי וועט זיין, די פרוי דארף פרובירן מיט אלע כוחות צו זיין פריילך אינדערהיים, וועט די לופט ווערן פריילך, א פרוי דארף פרובירן אויפצונעמען איר מאן העפליך, וועט זיין א העפליכע אטמאספער אין די שטוב. און - לייגט פערי צו - דאס איז וואס דו שפירסט ווען דו קומסט אריין ביי מיר אין שטוב, א אידישע פרוי איז געשטעלט אויף די שטוב, דארף זי קאכן און באקן פיינע גוטע זאכן אז עס זאל זיך שפירן ווי א היים, אזוי ווי מען זאגט 'אז א פרוי איז די הארץ פון די הויז, אין ענגליש זאגט מען: 'די הארט אוו די האום'.

און אז דו ווילסט אז דיין הויז זאל ווערן א היים, אפשר פרובירסטו עפעס קאכן פאר דיין מאן? אפשר פרובירסטו עפעס באקן פאר דיין מאן? דו וועסט זען אין אפאר מינוט וועט זיך די גאנצע לופט אין די הויז טוישן, עס וועט אריינגיין א ווארעמקייט אין די לופט, פון די באבלס אויפן טאפ, און פון די היצן פון די אויוון, אבער מער ווי די היצן און די באבלס פון די טאפ, וועט אריינגיין די הארץ פון דיר, גיטי, דו אידישע מאמע, וואס דו טוסט דעם אייבערשטנ'ס ווילן, דו קאכסט און באקסט פאר דיין מאן, פאר דיין שטוב, צו בויען א מקדש מעט.

ווען שרה איז אוועק פון די וועלט, ווייסן אונז, האט זיך די וואלקן, די לעכט און די חלות אפגעטראגן.

אונז אידישע מאמעס האבן אויך א געצעלט, א היימישע געצעלט פאר אונזערע קינדערלעך, פאר אונזער מאן און פאר זיך. א פלאץ פאר די שכינה צו רוען.

אז מיר וועלן טון די מצות: מען באקט חלה, און מען ברענגט אריין מיט דעם א ווארעמקייט און א הייליגקייט ביי אונז אין שטוב. אנצינדן לעכט - מיר וועלן צינדן לעכט לכבוד שבת, וואס דעמאלט איז אזא גרויסע עת רצון צו בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, ספעציעל אויף קינדער.

מען קען זיך אזוי גרינג און אזוי גוט אויסבעטן ביים אייבערשטן "**באשעפער זיסער, געב מיר ערליכע קינדער, געב מיר הייליגע דורות, העלף איך זאל זוכה זיין צו אידיש נחת פון מיינע קינדער**", און מען לייגט צו די קליינע תפילה וואס רבי נתן האט געזאגט פאר זיין טאכטער ווען זי האט געצינדן לעכט: "**אזוי ווי איך צינד יעצט אן לעכט ביי מיר אין שטוב, צו לעכטיג מאכן, העלף אז דער הייליגער רבינ'ס לעכטיגקייט זאל שוין אריינגיין אין די גאנצע וועלט, און די גאנצע וועלט זאל שוין וויסן פון די זיסע עצות פון דער הייליגער רבי**". אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז מען מוטשעט זיך צו אויפציען די קינדער, קען מען בעטן "**באשעפער העלף אז די אויפציען פון מיינע קינדער זאל גיין גרינג, זיי זאלן נישט ארויסנעמען יעדע ביסל בלוט פון מיר**".

אזוי איז מען זוכה אז די הויז ווערט א היים, די שטוב ווערט א פלאץ פאר די שכינה צו רוען, די וואלקן - דער אייבערשטער - קומט אריין רוען אין א שטוב, וואו עס איז דא א פרוי וואס געבט זיך אוועק פאר איר שטוב, אירע קינדער, זי איז אלעמאל גרייט פאר איר מאן, קאכט פאר זיי, און באקט פאר זיי, און טוט פריילעכערהייט זיי אויפנעמען, ארייננעמען און אפווארטן מיט ווארעמע עסן, און נאכמער, מיט א ווארעמע געפיל פון ליבשאפט. ווייל די ווייב מאכט די 'ווייב'...

**מושיבי עקרת הבית!**



# שיינער אין גראמען

ש.ל. פליישמאן

צו הערן די גאנצע שיעור רופט
212-444-9169
1-2
(א"י -079-70
400-69)

## געדולד? געדולד! געדולד...

מען קומט אריין פון 4 טירן,
אלע פעלקער און קאלירן,
אברהם אבינו מאכט זיי גוט שפירן,
טוט זיי דעליקאטעסן סערווירן.

פון אברהם אבינו'ס שאטער,
די געסט גייען ארויס זאטער.
זיי דאנקן און ווילן גיין ווייטער,
אבער ניין! איז אברהם אבינו נישט מוותר.

"נישט מיר קומט דער דאנק,
איך האב עס נאר דערלאנגט
**פארן באשעפער איז דער געזאנג!**
די גאנצע בריאה, א געשאנק!"

דער מדרש דערציילט,
פון אן אראבער 80 יאר אלט.
געגעסן געטרינקן, און פארווילט,
געדאנקט און זיך ארויס געאיילט.

אבער אברהם אים אפשטעלט:
"דאנק דעם הַאר פון דער וועלט!
פאר די עסן פון דעם געצעלט,
און פארן געבן אלעס וואס דיר פעלט!!"

דער אראבער ווערט משנה צורה:
געגעסן האב איך פון דיין דירה,
פארן באשעפער קומט די שירה?
ער נעמט זיך שימפן מיט כפירה... רח"ל

זאגט אים אברהם אבינו באצאל!
אזוי איז דא די ראול !
דאנק דעם אייבערשטן, ער איז איבעראל,
אדער פול פרייז קעש פארן נאכטמאל!

דער אראבער פארפירט און שרייט:
אלע געסט מ'קומט און מ'גייט,
פון באצאלן מ'איז באפרייט,
נאר איך דארף צאלן ברייט?!"

"פאר דיין פולע זאטע מאגן,
באצאלסטו א סכום הגון,
אדער וועסטו שכח אייבערשטער זאגן"
טוט אים אברהם אבינו מיט זיין שטעקן שלאגן.

"אברהם" זאגט דער אייבערשטער צו אים מילד,
"אכציג יאר הער איך ווי ער בילט,
און מיין צארן איז איינגעשטילט!
און דו פון איינמאל פארלירסטו דיין געדולד??"

***

ווער נאך ווי א אידישע מאמע,
דארף אזוי סאך נוצן די גאלדענע מדה,
פון סבלנות? האט דער ראש ישיבה געפרעגט.

***

**"באשעפער סבלנות, אזוי שטארק איך וויל עס!"**

וועסט זען וועסט אנקומען מיט התבודדות און תפילות!

# Teriyaki Cutlets

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 1.5 POUND THIN CHICKEN CUTLETS.
- 2.5 T TERIYAKI SAUCE.
- 1 T OIL.
- 1/2 T HONEY.
- 1-2 CRUSHED GARLIC
- BREADCRUMBS.
- OR CORNFLAKES CRUMBS.

## DIRECTIONS:

- COMBINE SAUCE INGREDIENTS IN A BOWL.
- ADD CHICKEN.
- MARINATE FOR A FEW HOURS.
- PREHEAT OVEN 425
- COAT EACH CUTLET WITH CRUMBS .
- SPRAY PAN WITH OIL, PLACE CUTLETS, AND SPRAY ON TOP OF CUTLETS.
- BAKE UNCOVERED 8-10 MIN A SIDE.



קינדער בלעטל

קאמיקס:
ווער וועט
העלפן שמעון
אין זיין
שרעקליכע
מצב?

שרייב טישל:

## פארוואס דארף זיך ארויסהערן פון אידישע הייזער לעבעדיגע

# מוזיק?





# יאקאב!

אין יענע תקופה האבן בייזע ווינטן אנגעהויבן בלאזן איבער אייראפע. יעדער האט געשפירט אז עפעס שרעקליך קומט פאר. די נאציס ימח שמו האבן איבערגענומען די מאכט אין דייטשלאנד און באקאנט געמאכט זייערע פינסטערע פלענער. די דייטשן ימח שמו האבן געוואלט צוענדיגן דאס וואס המן האט געוואלט אנהייבן - להשמיד ולהרוג את כל היהודים רחמנא לצלן, זיי האבן נישט געהאט קיין איין אינטערעס נאר חלילה אויסצו'הרג'ענען גאנץ כלל ישראל דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

מיר ווייסן אבער אז דאס קען קיינמאל נישט פאסירן, ווייל מיר האבן אן הבטחה אז נצח ישראל לא ישקר - די יידישע פינק וועט זיך קיינמאל נישט פארלעשן. און אין אלע דורות, וויפיל די רשעים האבן פראבירט האבן זיי קיינמאל נישט מצליח געווען אויסצוראטן די הייליגע פאלק ישראל.

מען האט געקענט שפירן די שנאה פון די גוים אין די לופט. יעדע פאר וואכן איז ארויסגעקומען פרישע גזירות אויף די אומשולדיגע אידן.

מען האט איינגעצוימט אידישע פרנסות, מען האט איינגעצוימט וואו אידן קענען וואוינען. מען האט זיי נישט געלאזט וואוינען אומעטום, נאר אין אן אפגעזונדערטע קווארטל וואס זיי האבן גערופן די "געטא".

שפעטער האבן זיי ארויסגעגעבן א באפעל אז אלע אידן דארפן ארויפנייען א געלע שטערן אויף זייערע קליידער, מען זאל זען פונדערווייטנס אז דא גייט א איד.

א שטיק צייט דערויף האבן די גוים אויפגעהערט איינקויפן ביי אידן, און אזוי איז ליידער געווארן שווערער און שווערער פאר די אידן אין אייראפע.

נישט אלעס האט זיך אנגעהויבן אויפאמאל. צום ערשט האבן זיך די גזירות געשטארקט אין דייטשלאנד, און שפעטער אין פוילן, אוקריינא, אונגארן און אזוי ווייטער.

מענטשן וואונדערן זיך צומאל פארוואס עס פעלט אויס צו געדענקען און דערציילן וואס די רשעים האבן געטון.

עס איז וויכטיג פאר אונז צו געדענקען און וויסן די רשעות פון דעם גוי, כדי מיר זאלן קיינמאל זיך נישט איינרעדן חלילה אז דער גוי מיינט אונזער גוטס, און מיר זאלן זוכן וואוקצושטיין פון די נידריגע גוי וואס האט אזוי געפייניגט אונזערע זיידעס אן רחמנות.

מיר זאלן זיין שטאלץ אז מיר זענען אידישע קינדער, און געדענקען אז מיר שטייען אסאך העכער ווי די גוי. זייער הנאה איז נישט אונזער הנאה. דער גוי זאגט אונז נישט וואס איז שיין, נאר דאס וואס די תורה זאגט אונז דאס איז שיין. אידלך איז שיין. דרך ארץ איז שיין, צניעות איז שיין.

אשרינו אז מיר זענען אידישע קינדער, און אונזערע מדות זענען רחמנות, ביישנות (צניעות) און גמילת חסדים.

ש. טראכטער

# 2

פרייטאג

פרשת כי תבא תרצ"ט האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה. די נאציס פון דייטשלאנד ימ"ש האבן איינגענומען פוילן און גלייך אנגעהויבן אויספירן זייער גרויזאמע פלענער.

מיט די גרעסטע מאס רציחה האבן זיי איינגעזאמלט די אידן פון זייערע הייזער, זיי אריינגעשטופט אין געטאס, אסאך אידן אין איין דירה. משפחות וואס זענען ביז אפאר טעג פריער געזיצן רואיג אין זייערע הייזער, האבן זיך אציגד געטראפן וואוינען צעדריקט כמעט צען משפחות אין איין דירה. די לאגע איז געווארן שווערער און שווערער.

שפעטער האבן די רשעים אויפגעשטעלט די טרויעריג בארימטע לאגערן, און די גאז קאמערן ווי זיי האבן ליידער אפגעשיקט מענער און פרויען, יונג און אלט, צדיקים, רבנים און ערליכע אידן וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש ה'.

אין א קורצע תקופה פון קוים צוויי יאר האבן די רשעים אויסגעליידיגט גאנצע מדינות ווי פוילן, דייטשלאנד, טשעכיי. ריזיגע שטעט וואס האבן אמאל געווירבלט מיט חסידי ואנשי מעשה איז פארוואנדלט געווארן צו פוסטע ליידיגע גאסן. בתי מדרשים און ישיבות וואס האבן ביז לעצטנס געווירבלט מיט א קול תורה, זענען אציגד געשטאנען איינזאם און פארלאזט, ממש ווי מען קלאגט אין איכה "איכה ישבה בדד, העיר רבתי עם".

זומער תש"ב האבן זיך די דייטשן ימ"ש דערנענטערט קיין סטאלין. די מענטשן פון די שטאט האבן געזוכט אלעס סארט עצות וויאזוי זיך ארויסצודרייען פון די רוצחים, ליידער האבן זיי שוין אביסל געהערט פון אידן וואס זענען אנטלאפן פון אנדערע געגענטער, און געוואוסט אז די מצב איז ערגער פון וואס מען וויל וויסן.

> ער האט זיי אלע געלאזט וויסן אז ער בלייבט מיט זיינע ברודער, ער וועט טיילן די גורל אינאיינעם מיט זיי, און זיי נישט פארלאזן אין צייט פון פלאג...

אינטערעסאנט איז צוצולייגן אז די אידן פון שטאט האבן זיך זייער געזארגט וואס וועט זיין מיט זייער רבי'ן רבי משה'לע זי"ע הי"ד. זיי האבן געזוכט וועגן וויאזוי זיי קענען אים ארויסראטעווען.

רבי משה'לע, וועלכער האט געהערט אז די מענטשן פון שטאט פלאנען א רעטונגס אקציע פאר אים, האט אבער געלאזט וויסן פאר אלע מענטשן פון שטאט אז ער איז נישט מסכים דערצו. פונקט ווי ער איז געווען א געטרייע פאסטוך אין די גוטע צייטן, וועט ער זיי נישט פארלאזן יעצט אין די צייט פון פלאג. ער האט זיי אלע געלאזט וויסן אז ער בלייבט מיט זיינע ברודער, און ער וועט טיילן די גורל אינאיינעם מיט זיי.

צו די זעלבע צייט האט ער אבער צוגערעדט אלע מענטשן וואס האבן געהאט די מעגליכקייט צו אנטלויפן אז זיי זאלן זוכן צו גיין וואס ווייטער פון די בלוטיגע ערד, און זיך ראטעווען ווילאנג מען קען.

ערב ראש השנה תש"ג, די לעצטע טאג פון יאר, זענען די דייטשן ימ"ש אריינגעקומען אין שטאט סטאלין, און ליידער אויסגעשאכטן די גאנצע קהילה צוזאמען מיט זייער גרויסער רבי ר' משה'לע רחמנא לצלן. זיי זענען באערדיגט געווארן אין איין גרויסע קבר וואס מען קען נאך זען ביז'ן היינטיגן טאג. הי"ד.

יעקב פאטאש האט געפאלגט זיין רבי און מיט א גרופע בחורים זיך גענומען לויפן אן א ציל און אן א וועג. בלויז איין ציל, אנטלויפן וואס ווייטער פון די ברענענדיגע ערד וואס ברענט מיט רציחה און שנאת ישראל.

אזוי האט זיך יעקב - א בחור'ל פון דרייצן יאר געטראפן וואנדערן אינאיינעם מיט א גרופע בחורים, זוכענדיג שוץ.

*וואו איז יאקא אנגעקומען?*

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## אִיךְ גֵיי צוּם רֶבִּי'ן

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט אוּנְזֶער נְשָׁמָה; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט נִפְטָר וֶוערְן, זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶועט דִי נְשָׁמָה גֵיין אִין גַן-עֵדֶן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין נָאכְן נִפְטָר וֶוערְן צוּם צַדִּיק.

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, רֶבִּי סֶענְדֶר'ל פוּן טִירָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער רֶבִּי סֶענְדֶר'ל אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַּארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן לֶערְנֶען דָארְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַּארְטָאגְס צוּם צִיּוּן הָאט מֶען גֶעזֶען אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיּוּן.

מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס אִיז דָאס? אֶפְשָׁר אַ מַלְאָךְ? אֶפְשָׁר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ?' קוּקְנְדִיג הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז רֶבִּי סֶענְדֶר'ל פוּן טִירָאוִויצֶע!" דֶער רֶבִּי סֶענְדֶר'ל אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס מִיט שְׁנֵיי.

מֶען אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי סֶענְדֶר'ל וָואס טוּט אִיר דָא? עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ פַּארְפְרוֹירְן?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַּארְטָאגְס צוּם צִיּוּן אוּן גֶעזֶען אַז דֶער צִיּוּן אִיז פַּארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן אִיךְ וִויל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הֵיכַל אִין גַן עֵדֶן, וִויל אִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל מִיר אַוֶועקְשְׁטוּפְּן מִיט תֵּירוּצִים: 'עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז וַוייט, עֶס אִיז קַאלְט' אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף תֵּירוּצִים, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וִויל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין תֵּירוּצִים - וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן".



אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיּוּן

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר' נתן האט געזאגט: "אינגערמאן, לערן ליקוטי מוהר"ן וועלן די ווערעם אין קבר נישט קומען צו דיר!"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: צווישן מיר און משיח איז נישטא קיין חילוק, איין חילוק איז דא, יעצט איז נאך דא א**

א. נסיון
ב. מניעה
ג. בחירה
ד. רבי

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: "ווער עס איז מקנא א צווייטן ווערן זיינע ביינער פארפוילט!"

## געב א שמייכל

**וויאזוי רופט מען א מענטש וואס וואוינט אין די שטאט מישיגן?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק ראשון

**כז. מִי שֶׁמְּנַקֶּה בְּכָל עֵת יָדָיו, עַל יְדֵי זֶה מְזַכֶּה אֶת לִבּוֹ.**

וֶוער עֶס רֵיינִיגְט דִי הֶענְט אַלֶעמָאל, וֶוערְט זַיין הַארְץ גֶערֵיינִיגְט.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ס | ב | נ | ט | מ | ז | א | כ |
| י | ה | ו | א | ג | ו | ז | ל | ס |
| א | פ | ק | י | ז | ו | מ | כ | י |
| ר | ד | ז | ז | כ | מ | ז | ק | ל |
| ו | כ | ש | ז | י | נ | ו | א | א |
| י | ה | י | צ | ז | צ | ז | ל | כ |
| ס | א | ב | ר | פ | ח | ר | ע | א |
| ה | א | י | ד | י | ש | ע | ב | ר |
| ע | צ | ו | ד | ע | פ | ח | ע | ב |
| ר | ט | ז | מ | ג | מ | ג | ד | פ |
| נ | א | ע | ר | ו | נ | ק | י | ר |
| ס | ק | ט | ה | י | ז | ח | ג | י |
| ד | ט | ו | ר | ר | מ | י | ע | י |
| י | א | ג | פ | ד | ע | ה | ק | ל |
| ז | ה | י | י | ז | ע | ר | נ | י |
| ח | ס | ע | ש | ת | ש | י | ה | כ |
| ז | ר | ד | ת | ת | י | ק | א | ע |
| ה | פ | ק | ר | ז | ר | ט | א | ס |

עס איז א גוטע זאך עס זאל זיך ארויסהערן פון אידישע הייזער לעבעדיגע פרייליכע מוזיק. אז עס איז דא פרייליכע מוזיק איז גרינגער צו מנצח זיין דעם יצר הרע

*(עצות אמונה נשא תש"פ)*

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה פון תפלה צו:
845.379.1161

מיר האבן נישט געהאט קיין טעלעפאן סערוויס ביי אונזער הויז, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל שוין אינסטאלירן סערוויס פאר די טעלעפאן.

שכח אייבערשטער מ'איז געקומען אינסטאלירן סערוויס..

*חי' הייםליך, קרית ברסלב*

מיין ברודער האט געהאט א העלמעט ווייל זיין קאפ איז געווען שיף און די העלמעט מאכט די קאפ זאל ווערן צוריק גראד.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל דאס שוין קענען אויסטון, שכח אייבערשטער ער האט דאס שוין אויסגעטון.

*אלי' שפיינבערג, קרית ברסלב*

שבת נח האב איך געוואלט לייגן שלאפן אונזער בעיבי פראדי, זי האט געוויינט ווייל זי האט נישט געהאט די צאמי. ביזדערווייל האט מען איר געגעבן עפעס א אנדערע צאמי. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל טרעפן איר צאמי. איין טאג ווען מיר האבן געשפילט ביי די טרעמפעלין האבן מיר געטראפן דארט איר צאמי.

*רבקה וועבערמאן, 10 יאר, קרית ברסלב*

1.מיין ברודער האט א שלאס מיט וואס ער האט צוגעמאכט א שאפע, שפעטער האט ער דאס געוואלט עפענען, אבער ער האט נישט געטראפן די שליסל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל טרעפן די שליסל, שכח אייבערשטער מ'האט עס געטראפן גלייך נאכדעם.

2. איך האב געדארפט א קלייד פאר מיין פעטערס חתונה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א שיינע גוטע קלייד, שכח אייבערשטער אז מיר האבן געטראפן א הערליכע קלייד ביים באזאר דא אין שטאט.

3. מיין שוועסטער'ס אויערינגל איז ארויסגעפאלן און די לאך האט זיך שוין אנגעהויבן צו פארשטאפן. ווען מ'האט פרובירט ארייינצולייגן די אויערינגל, איז געווען זייער שווער צו טרעפן די לאך צו צוריק קענען ארייינלייגן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ארייינגיין גוט. שכח אייבערשטער ס'איז געלונגען ארייינצולייגן.

*אהל קענער, צפת*

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד,
א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.

און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.

צו הערן די גורל פון פארגאנגענעם חודש
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6



א מעשה פון תפלה
געמאלן
אוי איך פיל
נישט גוט
אייבערשטער
העלף איך זאל
שוין פילן גוט
שכח
אייבערשטער
איך פיל שוין
גוט
געמאלן דורך:
רבקה אפפעלדארפער
תמי' קרית ברסלב
איך בין
אויפגעשטאנען
אביסל שפעט
אייבערשטער
העלף איך
זאל נישט
פארפאסן די
באס
שכח
אייבערשטער
איך האב
געכאפט די
באס
געמאלן דורך: פייגי
מענקאוויטש תמי' קרית
ברסלב
שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# קליין און פיין



נורסערי בית פיגא קרית ברסלב



ארון הקודש מיט פרוכת
אלעזר ישעי' און שלום פרידמאן



יוסי לונגער



שלמה וויזל



ישעיה טיקאלסקי



תיבת נח קינדער גארטן בית פיגא

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

**845.379.1161**

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



ריבניצער רבי זי"ע מרדכי פאפנהיים



פייגי און חי'לע ראטה



פייגי און חי' לאנדא



וועלווי מיט משה מינצברג



אשי הערצאג א מנורה



אליעזר שלמה טייטלבוים

# דער אוצר אויפן באן 21

### דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מנחה ביי די אפיסעס פון יואליס קולינג אין שטעטל



מען לייגט ארויף לעקטערס אינדרויסן פונעם בית התבשיל אין שטעטל



סיום דורך יצחק מזרחי הי"ו קרית ברסלב



וואכנאכט ביי מו"ה אברהם דוד אנשין הי"ו אין צפת

קרעדיט: שמעון פורטגאל, שמעון פיש, אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל, איציק מענדלאוויטש



פרייליכע טענץ אין שטעטל חדר
אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו



קידוש לבנה ביי ביהמ"ד היכל הקודש וויליאמסבורג





דער דיין שליט"א באזוכט אינעם מצה בעקעריי אין קרית ברסלב
ווי מען האט שוין אנגעהויבן באקן פאר פסח הבעל"ט





דער ראש ישיבה שליט"א אויף א באזוך אין 'קאסטאם שאו רום' אין בארא פארק






דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די בחורים אין ישיבה





ברית פון בן מו"ה יוסי מערמעלשטיין הי"ו אין ישיבה













גרויסע חלוקה ביים בית התבשיל אין שטעטל - א' וירא תשפ"ה



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די אינגעלייט נאכן דאנערשטאג נאכט שיעור



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט אנשי שלומינו



אבות ובנים אין היכל הקודש בתי מדרשים



בר מצוה אין היכל הקודש בני ברק פון הבחור פנחס זעליג נ"י בן מו"ה יואל לעווי הי"ו גבאי בית מדרשינו

קרעדיט: שמעון פורטגאל, שמעון פיש, אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל, איציק מענדלאוויטש